# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn no. 50 - January-March 1968 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/6z54j07r

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 50(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
1968

**Copyright Information**
Copyright 1968 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## יובל 50 נומער

אַרויסגעגעבן פון:
לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז
23-טער יאָרגאַנג • טבת-אדר, תשכ״ח — יאַנואַר-מערץ, 1968

# אינהאַלט


אהרן צייטלין: צוויי לידער — 3
אריה פּאָזי: זיין און אומזיין און דער שטייגער פון מענטש — 4
דוד ספּאַרד: דריי לידער — 15
ח. מ. ראָטבלאַט: דער למד־וואָווניק (דערציילונג) — 16
ז. בונין: צוויי לידער — 23
לוי גאָלדבערג: אין יעדן דור (סאָנעט) — 24
פּינטשע בערמאַן: דריי לידער — 25
מלכה לי: מיין מאַמעס יאָסיקל (ליד) — 26
יעקב שמואל טויבעס: ביי גאָט אין שטוב (ליד) — 27
לילי בערגער: וועגן שפּאָטישן שמייכל פון ר׳ מענדעלע — 28
אברהם לעוו: אַ דיאַלאָג אַזאַ (ליד) — 32
ברכה קודלי: פּאַסטאָראַל פון בעטהאָווען (ליד) — 33
שלמה סיימאָן: שיר השירים — אין סתירה צו די ליבע־לידער פון אנאקרעאָן — 34
אהודה רונת: צוויי לידער — 37
י. ח. בילעצקי: אומרו (ליד) — 38
י. אַדלער: חבר מיינער (ליד) — 39
נח גאָלדבערג: דרשה־געשאַנק (דערציילונג) — 40
מ. גיציס: מיין וועלט (ליד) — 44

## שרייבער און ביכער

ישראל עמיאָט: אהרן צייטלינס מאָנומענטאַל ווערק „המציאות האחרת“ — 45
מעינקע קאַץ: אָוונט אין צפת (ליד) — 46
יחזקאל בראָנשטיין: אַברהם לעוו — 49
ד״ר י. י. קוזמינסקי: ספר דברי איוב — 56
מאיר אייזענדאָרף: יאַגעדעס (ליד) — 60
משה עטינגער: פּוסטע חלומות (ליד) — 61

## קונסט און קינסטלער

זלמן זילבערצווייג: ר. בן־ארי — 62
לאָטי פּ. מלאך: באַגעגענישן מיטן קינסטלער נחום אַראָנסאָן — 65
י. ראַשעל: די קינסטלערישע ירושה פון שאול ראַסקין — 68
ז. בונין: צום יובל־נומער „חשבון“ — 71


באַגריסונגען צום יובל־נומער „חשבון“.


**HESHBON**

*Quarterly Literary Review*

A. POSY, Editor

S. BUNYAN, Secretary

7327 El Manor Ave. • Los Angeles, Calif. 90045 • Tel. 776-1956

**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY

SCHWARTZ PRINTING CO.

100



# חשבון

פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

אַריה פּאָזי, רעדאַקטאָר

יוסף ווײַנמאַן און שמואל בריינין, פאַרוואַלטערס • ז. בונין, סעקרעטאַר

23טער יאָרגאַנג, נומער 50 • יאַנואַר־מערץ, 1968 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


**אהרן צייטלין** / ניו־יאָרק

## צוויי לידער

### אַ פויגל

אין אַ שטיבל אויפן לאַנד בין איך געזעסן און געשריבן
ווען דורך אַן אָפן פענצטער איז אַריינגעפלויגן ראַפּטום
אַ פויגל, הויך אַריינגעפּאַטשט מיט זיינע פליגלען און געבליבן
אַ רגע איבער מיר און מיין פּאַפּיר.
אַרויס איז ער פון צווייטן פענצטער קעגנאיבער
און ס'האָט אים נאָכגעיאָגט אַ ווינט — און נישט דערכאַפּט אים.

כ'האָב אויפגעצאַפּלט. ס'האָט געטאָן דער פויגל אָט־אָ־דער
דאָס וואָס אַ נשמה טוט: אַ פלי אַריין אין גוף
און באַלד אַ פלי אַרויס — אויף עמיצנס אַ רוף.

יולי 13, 1966

### אויפן הויף פון בית־אהרנסאָן אין זכרון־יעקב

די לופט האָט דאָ געפלאַקערט פון געשרייען,
ווען ס'האָט דער טערק געפייניקט ש ר ה'ן. איצטער וויען
דאַ גרינע ווייסערישע רואיקייטן טיפע.
שיזיל באַקלינגען פייגעלעך אַ בוים.
מיט אויגן נייגעריקע, גרין געשליפן,
באַטראַכט איך ס'קעצל, וואָס גייט צו געלאַסן
צו מיין באַנק. די לאַפּקעלעך אָט־די
זיינען ערגעצוואו געווען אַ קינד'ס צוויי הענטלעך.
די אויגן ווילן זיך דערמאָנען,
פון וועלכער וועלט איך בין זיי קענטלעך.

1967.

אַריה פּאָזי

# זיין און אומזיין און דער שטייגער פון מענטש *)

זיין און אומזיין — איז די אייביקע פּיינלעכע רעטעניש פאַר מענטש פאַר וואָס ער זוכט אַן איבערצייגנדיקן באַשייד און וואָס ניט יעדער קריגט עס און ניט אַלע מאָל.

בדרך כלל ווערט לעבן דערקענט פאַר אַ שווערן יאָך. פון לאַנג אָן איז שוין דער טיפּזיניקער מענטש געקומען צום ביטערן באַוואוסטזיין, אַז לעבן האָט ווייניק פרייד און אָן אַ שיער צער. אויף דעם סמך קומען אַרויס בודיסטן מיט דער טעזע, אַז דאָס גרעסטע גליק פאַר מענטש איז נירוואַנאַ, ד"ה, דער אַבסאָלוטער אומקום פון דער נשמה, דורך ווערן אויס לחלוטין, אָדער דורך ווערן איינגעזאַפּט אין דער קדושה פון דעם אוניווערס.

לעבנס־יאוש האָט אַן אָנגעזען אָרט אויך אין די יידישע כתבי־הקודש. צוויי מגילות זיינען צו דעם געווידמעט אין תנ"ך: איוב און קוהלת. לעבן, איז אין קוהלת פאַרשריבן: „הוא ענין רע נתן אלהים לבני האָדם לענות בו" (דאָס איז אַ שלעכטער ענין וואָס גאָט האָט געגעבן די מענטשנקינדער, זיך צו פאַרנעמען דערמיט). ווייטער ווערט דאָרט געפרעגט: „מה יתרון לאדם מכל עמלו שיעמול תחת השמש?" (וואָס פאַר נוץ האָט דער מענטש פון זיין גאַנצער מי וואָס ער מיט זיך אונטער דער זון?). און דער ענטפער איז: „הבל הבלים הכול הבל" (נישטיקייט פון נישטיקייטן, אַלץ איז נישטיקייט).

צו אַן ענלעכן שלוס, אַז לעבן איז „נישטיקייט פון נישטיקייטן", זיינען אויך געקומען די חכמי התלמוד. זיי זיינען געקומען צו אַ הסכם, אַז „ס'וואָלט געווען בעסער פאַרן מענטשן ניט באַשאַפן צו ווערן איידער יאָ באַשאַפן צו ווערן." מכיח דעם איז אינטערעסאַנט צו ציטירן אַן אָנמערקונג אין תלמוד (עירובין י"ג:):

„תנו רבנן: שתי שנים ומחצה נחלקו בית שמאי ובית הלל. הללו אומרים: נוח לו לאדם שלא נברא משנברא; והללו אומרים: נוח לו לאדם שנברא יותר משלא נברא. נמנו וגמרו, נוח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא. עכשיו שנברא, יפשפש במעשיו; ואמרי ליה — ימשמש במעשיו."

דאָס הייסט: ס'איז פאָרגעקומען אַ חילוקי דעות צווישן בית שמאי און בית הלל און די דיסקוסיע מכוח דעם האָט זיך געצויגן דריטהאַלבן יאָר. בית שמאי האָט געזאָגט, אַז פאַרן מענטשן וואָלט געווען בעסער ניט באַשאַפן צו ווערן איידער יאָ באַשאַפן צו ווערן; בית הלל האָט געזאָגט, אַז פאַרן מענטשן איז בעסער וואָס ער איז יאָ באַשאַפן געוואָרן איידער ער וואָלט ניט באַשאַפן געוואָרן. האָט מען וועגן דעם געשטימט און עס איז אָנגענומען געוואָרן, אַז בעסער וואָלט טאַקע געווען פאַרן מענטשן ניט באַשאַפן צו ווערן. און איצט, היות ער איז שוין באַשאַפן, באַדאַרף מענטש זוכן און נישטערן איבער זיינע טעטיקייטן און ער זאָל בודק זיין צו וויסן וואוהין זיי פירן אים.

געוויס זיינען די חכמי התלמוד גערעכט אין דעם פּרט, אַז היות מענטש איז שוין יאָ באַשאַפן, באַדאַרף ער זוכן און נישטערן איבער זיינע מעשים. קיין אַנדער ברירה האָט ער דאָך ניט... און ניט נאָר איבער זיינע טעטיקייטן דאַרף ער זוכן און נישטערן, נייערט אויך איבער זיין עצם זיין און ווערט. מחמת דער אינטעלעקט פון מענטש קען בשום אופן ניט מסכים זיין מיט קוהלת, אַז לעבן איז באמת „נישטיקייט פון נישטיקייטן." לעבן, דער עצם פון זיין, איז דאָך אַזוי קאָמפּליצירט, אַזוי וואונדערלעך און אַזוי קינסטלעריש געשטאַלטיקט, געבויט און אַנטוויקלט, אַז די לאָגיק פון דעם איז מחייב, אַז עס האָט אַנדערש ניט געקאָנט קומען סיידן דורך אַן אין לשער שכל, און טאַקע דערפאַר קען עס בשום אופן ניט זיין אָן אַ פּלאַן, אָן אַ באַשטימטן ציל, אָן אַ פאַר וואָס, אָן אַ צוליב וואָס, אָן אַ צוליב ווען.

און די לאָגיק פון אָט־דעם געדאַנק איז ווייטער מחייב: לעבן איז דאָך באמת אַ שווערער יאָך. פּיין אָן אַ שיער און פרייד זייער ווייניק. איז אויב עס ענדיקט זיך

*) רעפעראַט געהאַלטן פאַר „סיגנעט סביבה," ברוקלין, נ. י., יאַנואַר, 1958.



מיטן פיזישן ענד פון מענטש, קען דאָך פאַר דעם בשום אופן ניט באַשיידן ווערן אַ וואָסער ניט איז ממשותדיקער זינען. די קנאַפּע פרייד לייזט דאָך קיין מאָל ניט אויס די שווערע פּיין.

און אָט־די לאָגיק איז נאָך ווייטער מחייב, אַז ס'וואָלט געווען אומזין אַריינצונעמען אין געדאַנק, אַז דער אומגעהויער שכל פון באַשאַף און קיום זאָל אַליין זיין זינלאָז — אַזאַ אומגעהויערע שעפערישקייט צו אַנטוויקלען אָן אַ באַוואוסטזיין פון אַ באַשטימטן ציל און אָן דער הנהגה צום דאָזיקן ציל.

דערפאַר מוז דאָס און טוט דאָס פירן צום געדאַנק, אַז דאָס בידנע פיזישע לעבן פון מענטש איז נאָר אַן אָנהייב־תקופה פון זיין, און עס פירט צו עפּעס אַ המשך, וואָס פאַרענטפערט די רעטעניש פון דעם פּיין פון זיין, דעם פּיין פון לעבן בכלל, בפרט לעבן פון מענטש — און טאַקע בעיקר פון לעבן פון מענטש, אין אונטערשייד פון לעבן בכלל און פון לעבן פון אַנדערע בעלי־חי, מחמת מענטש איז דאָך דער איינציקער בחיר היצורים, וואָס איז באַשאָנקען מיט דער פעאיקייט צו פרעגן די פראַגעס פון לעבן און צו זוכן פאַר זיי דעם באַשייד.

דערפאַר פירט אָט־די לאָגיק צו דער אומגעהויער האַרבער קשיה:

אונדזער דערקענטעניש פון מענטש איז געגליכן צו דער דערקענטעניש פון נאַטור — טאָג און נאַכט און אויך צייטן פון יאָר: קאַיאָר און הייבונג ביז מיטאָג, דערנאָך זינקונג ביז בין־השמשות און אומקום צו נאַכט; אָדער — פרילינג און הייבונג ביז זומער און דערנאָך זינקונג ביז האַרבסט און אומקום צום ווינטער: דער וועג פון זריחה צו שקיעה. פרעגט דערביי די וועלט די אַלטע קשיה: און וואָס ווייטער? וואָס ביי דער נאַכט? וואָס בעת ווינטער? וואָס נאָך דער שקיעה? — האָט מענטש אַ קיום אויך דערנאָכדעם.

נאַכט איז דאָך מחייב אַ נייעם טאָג; ווינטער איז מחייב אַ נייעם פרילינג; צו וואָס איז מחייב די נאַכטיקייט און ווינטעריקייט פון מענטש?

האָט מענטש אַ קיום אויך נאָך אָט־דעם אומקום זיינעם, וואָס דערשיינט פאַר אונדזערע אויגן און וואָס מיר רופן טויט — אַ קיום, ווי אַלערליי רעליגיעס פון מענטש ווילן פאַר אונדז פאָרשטעלן, אין עפּעס אַן איידל, ממשותדיק־סוביעקטיוו געשטאַלט, אין אַ וועלט וואָס איז ווירקלעך און פּאָזיטיוו ווי עס איז ווירקלעך און פּאָזיטיוו, לויט אונדזער השגה נאָך, אָט־די אונדזערע דאָהי פיזישע וועלט?

באַגעגנט זיך דאָרט מענטש און קומט זיך דאָרט צונויף מיט פריינט און קרובים, וואָס האָבן זיך נאָך פריער אָפּגעשיידט פון דער איצטיקער וועלט?

ווערן דאָרט פאַרהיטן אין זיכרון די דערפאַרונגען פון אונדזער פיזישער וועלט?

קען מען דאָרטן דערקענען, לויט זייער אויסזען, די נאָענטע און באַקאַנטע?

געפינען זיך דאָרט די צדיקים אין אַ מין גן־עדן וואָס איז כולו טוב, ווי עס ווערט פאָרגעשטעלט פון גלייביקע רעליגיעזע מענטשן?

אָדער אפשר געפינט מען זיך דאָרט אין אַזאַ מצב פון קיום וואָס איז ענלעך צום קיום אויף דער וועלט, מיט התחייבותן וואָס מ'דאַרף דורכפירן, מיט אַלערליי אחריות, מיט אַזוינע געלעגנהייטן צו אַנטוויקלען, וואָס אויף דער ערד האָט מען עס ניט געקענט דערגרייכן?

מיר ווייסן — אונדזערע פינף מענטשלעכע חושים זיינען זייער עלעמענטאַר און באַגרענעצט. מיט זייער הילף קענען מיר ווייט ניט גרייכן. פרעגט זיך: אויב דאָרט איז פאַר דעם באַוואוסטזיין פון מענטש די וועלט מער אַנטפּלעקט? איז וויסן דאָרט ווייניקער געצוימט, אָדער, אפשר, אין גאַנצן ניט געצוימט? ווערן דאָרט פאַרענטפערט אַלע קשיות? ווערט מען דאָרט פריי פון ספקות?

אויפריכטיק רעליגיעזע מענטשן האָבן קיין שום ספקות ניט אין שייכות מיט אָט די פראַגעס. זיי פאַרענטפערן זיי פּאָזיטיוו. אָבער רעליגיע שטיצט זיך אייגנטלעך בלויז אויף אמונה, און פּשוטע אמונה, אָן ממשותדיקער עמפּירישער דערפאַרונג, איבערצייגט ניט דעם ראַציאָנאַלן דענקער, באַזונדערס אַזוינעם וואָס האָט אַ נטיה צו כפירה, צו אפיקורסות.

מיט דעם ענין השארת הנפש האָט זיך אויך באַשעפטיקט די פילאָזאָפיע, אָנהייבנדיק פון די חכמים אין גריכנלאַנד

און ביז איצט; אָנהייבנדיק פון דעמאָקריטוס, פּלאַטאָן און אַריסטאָטל און ביז, לאָמיר אָנרופן נאָר אייניקע, ברוך שפּינאָזאַ, דעם „פּאָטער פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע“, עמנואל קאַנט און אַנרי בערגסאָן, וואָס ער, דער לעצטער, ווערט פון זיינע אָנהענגער באַטראַכט פאַר דעם גרעסטן פילאָזאָף זינט שפּינאָזאַן. זיי אַלע זיינען אַרויסגעקומען מיטן געדאַנק, אַז השאָרת הנפש איז יאָ אַ ווירקלעכקייט, הגם יעדער באַזונדער פון זיי האָט עס אויפגעקלערט אויף זיין ספּעציפישן אייגנאַרטיקן שטייגער. אַנרי בערגסאָן, למשל, איז געווען איבערצייגט נישט נאָר אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער מענטשלעכער נשמה, נאָר אויך אין דער מעגלעכקייט צו קאָמוניקירן מיט פאַרשטאָרבענע (ספּיריטיזם).

אין אַן אָפּהאַנדלונג פון „פאַנטאַזמען פון די לעבעדיקע“ („געדאַנקען ענערגיע“) האָט בערגסאָן אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז „וואָס מער מיר לעבן זיך אַריין אין דער אידייע פון אַ באַוווסטזיין, וואָס פאַרפלייצט דעם אָרגאַניזם, אַלץ נאַטירלעכער ווערט פאַר אונדז זיך פאָרצושטעלן אַז די נשמה לעבט איבער דעם גוף. אויב דאָס מענטאַלע וואָלט געווען אַקוראַט אויסגעפורעמט אויפן מאַרך; אויב ס'וואָלט געווען גאָרנישט מער אין מענטשלעכן גייסט ווי דאָס, וואָס איז איינגעקריצט אין אַ מענטשלעכן מוח, וואָלטן מיר דעמאָלט געדאַרפט מודה זיין, אַז דאָס באַוואוסטזיין מוז טיילן דעם גורל פון גוף און שטאַרבן מיט אים. אויב אָבער די פאַקטן, וואָס זיינען אונטערזוכט געוואָרן, נישט נעמענדיק אין באַטראַכט וועלכן ס'איז סיסטעם, (בערגסאָן מיינט מיט דעם די אונטערזוכונגען פון געזעלשאַפט פאַר פסיכישער פאָרשונג, פון וועלכער ער איז אַ צייט געווען פאָרזיצער) פירן אונדז, דאַקעגן, צו באַטראַכטן דאָס מענטאַלע לעבן פאַר אַ סך גרעסער ווי דאָס מאַרך־לעבן, ווערט השאָרת הנפש אַזוי וואַרשיינלעך, אַז דער עול צו ברענגען באַווייזן פאַלט גיכער אויף דעם וואָס לייקנט דאָס אָפּ, איידער אויף דעם, וואָס נעמט דאָס אָן.“

אָבער מענטשן מיט ספקות, וואָס הגם זיי שטרעבן צו דעם אייגענעם ציל וואָס די גלייביקע, קענען זיי זיך ניט צופרידנשטעלן מיט בלויז פילאָזאָפישער לאָגיק. פאַר זיי זיינען די ענטפערס פון פילאָזאָפיע, ווי אויך פון רעליגיע, וואָס זיי באַזירן זיך אויף אַבסטראַקטער געדאַנקלעכער ספּעקולאַציע, אָדער, וואָס שייך דער לעצטער, אויף גלויבן אין מסורה — פאַר זיי זיינען די דאָזיקע ענטפערס קיין ראיה ניט. זיי ווענדן זיך דעריבער צו דער וויסנשאַפט, צו עקספּערימענטאַלער לאַבאָראַטאָרישער פאָרשונג.

ווען ס'קומט אָבער צו אַזעלכע דעליקאַטע ענינים ווי גאָט, נשמה, השאָרת הנפש, קען מען זיי ניט אַרויפלייגן אויף דער וויסנשאַפטלעכער וואָגשאָל און זיי וועגן אָדער מעסטן, ווי מ'טוט עס מיט מינעראַלן. קיין דירעקטע עווידענץ איז דערביי ניט מעגלעך. אָבער אומדירעקטע עווידענץ האָט זיך דערביי יאָ אָנגעקליבן זייער פיל. אומדירעקטע עווידענץ מצד וויסנשאַפטלערס. דאָס מיינט אַזוי: אויב, לאָמיר זאָגן, אַזעלכע וויסנשאַפטלערס (אָנצוכאַפּן בלויז עטלעכע) ווי די פיזיקער סער אַרטור היל און סער אָליווער לאַדזש, **דער אַסטראָנאָם און פיזיקער** סער אַרטור סטענלי עדינגטאָן, **דער פיזיקער און פילאָזאָף** סער דזשיימס דזשינס, דער גרויסער פסיכאָלאָג וויליאַם דזשיימס, **דער אַסטראָנאָם** קאַמיל פלאַמאַריאָן, און נאָך און נאָך — אויב זיי דערקלערן אונדז אַז זיי זיינען איבערצייגט אין השאָרת הנפש, אין אומשטערבלעכקייט, אין אַ זעלבסט־באַוואוסטזיניקן קיום נאָכן טויט, און דערביי באַטאָנען זיי, אַז ניט נאָר איז דאָס ניט קיין סתירה צו פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן, נאָר אַז אויפן יסוד פון זייערע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען זיינען זיי געקומען צו דער דאָזיקער איבערצייגונג — האָט אַזאַ אויפקלערונג זייער אַ סך געוויכט.

בדרך כלל ווערן איצט וויסנשאַפטלער מער און מער גענייגט צום געדאַנק, אַז די פראַגע פון השאָרת הנפש באַדאַרף ניט באַטראַכט ווערן ווי איבערגלויבן און איבערנאַטירלעך, נאָר ס'באַדאַרף אַריינגענומען ווערן בגדר הטבע, באַגלייך מיט אַנדערע נאַטור־דערשיינונגען, וואָס זיי זיינען אויך איינגעהילט אין סוד, און וויסנשאַפט קען זיי נאָך לעת עתה ניט אויפקלערן.



צווישן פאָרשערס אויפן געביט פון פאַראַפּסיכאָלאָגיע און פסיכישער פאָרשונג זיינען אפילו פאַראַן אַזעלכע ענטוזיאַסטישע גלייביקע, וואָס זאָגן אין פאָראויס, אַז וויסנשאַפט האַלט ביי אַרויפטרעטן אויף אַ וועג וואָס וועט, נאָך מער פון טעאָלאָגיע, איבערצייגן מענטש, אַז ס'איז דאָ אַ נאָענטע שייכות צווישן אים, מענטש, און וואָס מענטש רופט אָן גאָט. צווישן מענטש און דעם שכל־איבער־שכל, וואָס האָט געשטאַלטיקט וועלט און געוועלטיקט איבער איר. זיי ריידן מיט התלהבות מכוח דעם, אַז וואָס רעליגיע האָט אויפגעוויזן דורך אינטואיציע, דורך אינספּיראַציע, דורך העלזעערישקייט, איז וויסנשאַפט איצט אויף אַ דרך אויפצוווייזן די זעלביקע זאַך דורך דערפאַרונג, דורך אַ גענויען אַנאַליטישן, וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן עמפּירישן שטייגער.

כדאי, און זייער אויפלויכטנדיק איז דערביי, אַריינצוטראַכטן זיך אין דער לאָגיק פון די דאָזיקע מאמינים צווישן וויסנשאַפטלער. זייער לאָגיק פירט צו דעם, אַז היות אונדזער פיזישער קיום איז נאָר אַ פרוזדור (אַ פירהויז) צום אייביקן טיפן ז י י ן, איז עס דאָך מחייב, אַז אין דער גאָר ניט ווייטער צוקונפט וועט צו מענטש גרייכן די דערקענטעניש, אַז די גרעסטע מענטשלעכע מורא, די שרעק פאַרן טויט, קען און באַדאַרף באַוואוסטזיניק אָפּגעווענדט ווערן, באַדאַרף אויפהערן, דורך דער טיפערער פאַרשטענדעניש פון דעם אייגענעם מענטשלעכן א י ך.

לעת עתה האָט מענטש, בדרך כלל, מורא טיפער אַריינצוטראַכטן זיך אין זיין אייגענעם איך, באַזונדערס נאָכצודענקען איבער דעם וואָס עס געשעט צו זיין באַוואוסטזיין, ווען ער שפּרייזט איבער די גרענעץ פון צווישן דעם דאָהי און דעם דאָ־איצט און דעם סודותפולן ד אָ ר ט. פון דעסטוועגן — לאָמיר דאָס האָבן טיף אין זינען — אויב מענטש האָט באמת אַ קיום אויף יענער זייט גרענעץ, אויב מענטש בלייבט עקזיסטירן נאָך דעם, וואָס מיר רופן טויט, אין אַ זעלבסט־באַוואוסטזיניקן מצב, אומאָפּהענגיק פון זיין קערפּער, און גייט אַריבער אין אַ מצב פון ניט ווייניקער, אויב ניט מער, גליקזעליקייט ווי אויף דער פיזישער ערד, דענסטמאָל איז דאָך בעצם ניט פאַראַן קיין אין באַזונדערער אומשטאַנד אין גאַנצן פיזישן מענטשלעכן לעבן, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן מיט די מעגלעכע יענע־וועלט ווערטן און באַטייט.

און וואָס מער ווער עס טוט וויסנשאַפטלעך פאַרטיפן זיך אין אָט־דעם ענין, אַלץ מער דערנעענט ער זיך צו אַ רעליגיעזן געדאַנק. ניט דווקא צו אַ באַשטימטער מעטאַפיזישער שיטה, נייערט צו אַ רעליגיעזער שטימונג בכלל.

* * *

פון דעסטוועגן קען מענטש — אפילו דער טיף רעליגיעזער מענטש — ניט אַלע מאָל באַפרייען זיך פון ספקות. נאָך מער: ווי טיף רעליגיעז אַ מענטש זאָל ניט זיין, אַזוי טיף זיינען אָפט מאָל אויך זיינע ספקות. פרעגט זיך: ווי איז דען מעגלעך צו באַקומען די אינערלעכע, בלי־שום־ספקדיקע זיכערקייט, אַז שקיעה פון לעבן פון מענטש און באמת זריחה; אַז דעמער איז בפירוש קאַיאָר; אַז וואָס מענטשלעך לשון רופט אָן אומקום איז בפועל ממש דער געבורטסוויי פון באַשרענקטן און באַגרענעצטן פיזישן זיין צום אומבאַשרענקטן זיין — אַן איבערגאַנג צו אַ מער פאַרטיפט, מער זינפול, מער אויסגעשפּרייט, מער פאַרנעמענדיק און מער באַטייטנדיק לעבן?

בכדי צו גרייכן אָט דעם טיפן גלויבן איז נייטיק פאַר יעדן יחיד פאַר זיך אַליין און אָביעקטיוו צו זוכן אין די טיפענישן פון זיין אייגענעם באַוואוסטזיין, דאָרט אויפדעקן דעם אמת, וואָס זיין יסוד איז אין רעליגיעזן גלויבן וואָס איז אייגנאַרטיק פאַר מענטש, אָנהייבנדיק פון די סאַמע פרימיטיווע גלויבנס און ביז היינטצייטיקע פאָרגעשריטענע פילאָזאָפישע, מעטאַפיזישע אויפקלערונגען — אָט־די אַלע גלויבנס, וואָס זייער עיקרדיקע זאָרג איז מכוח דער אייביקייט און דעם טיפזין פון די גייסטיקע ווערטן און אָנגענומענע אמתן, וואָס זיינען דער יסוד פון אַלע רעליגיעזע שיטות, אַלגעמיינע באַגריפן וועגן אוניווערסאַלע און קאָסמישע פרינציפן, באַגריפן וואָס בלייבן ניט געענדערט, ניט געאַכט אויף די באַזונדערע און אייגנאַרטיקע רעליגיעזע דאָגמעס און שיטות

איז ניט דאָס וואָס איז אין דער השגה פון די פינף חושים פון מענטש, נאָר איז אין עטוואָס אַזוינס, וואָס קאָן מיט וואָרט ניט דעפינירט ווערן, און וואָס געפינט זיך איבער און אַריבער די חושים.

און אַזוי שנעל ווי מענטש באַגרייפט עס, און הגם ער האָט ניט פאַר דעם קיין באַשטימטן אויסדרוק, אָבער וויבאַלד ער איז באַוואוסטזיניק, אַז אָט דער סוד פון סודות איז אַ ווירקלעכקייט, און היות ער באַגרייפט אַז אָט דער סוד פון סודות האָט אַ ממשות — איז דאָס אַליין שוין אים מחייב דעם באַוואוסטזיין, אַז ער איז אַ טייל פון אָט־דער סודותדיקייט, אַז אין אים גופא איז פאַרהוילן אַ פונק פון אָט־דעם אַלץ־און־אַנאַנדער. און אָט־דעם פונק קאָן ער, און באַדאַרף ער, אויפבלאָזן אין אַ גרויסן פלאַם. און אויפבלאָזן אָט דעם גרויסן פלאַם איז געווען די כוונה פון מקורותדיקער חסידות, און וואָס אויך די קבלה איז זיך צו דעם מתכוון, וואָס איז פאַרשטענדלעך, מחמת חסידות איז זיך סומך אויף קבלה אין גאָר אַ גרויסער מאָס.

אמת, אין קבלה ווערט געטלעכקייט אָפט געשטאַלטיקט אין אַלערליי פאָרמען, אָבער אָט־די בילדלעכקייט ווערט ניט געמאָלן בכדי צו געבן אַ פאָרשטעלונג פון דער ווירקלעכקייט, נייערט עס זיינען פאָעטישע אויסדרוקן צו דינען בלויז ווי סימבאָלן, סימבאָלן און מעטאַפאָרן, פאַנטאַסטישער שוואונג פון ריינעם גייסט וואָס באַצוועקט צו דערהייבן די נשמה פון מענטש.

אין אָט־דעם ליכט, און נאָר אין אָט־דעם ליכט, דאַרף באַגריפן ווערן די טעאָלאָגיע פון די גרויסע גייסטער פון יידישקייט און דער אינערלעכער זין פון קבלה און חסידות. דאָס איז ניט אַ בילדלעכע פאָרשטעלונג פון דער ווירקלעכקייט, נאָר אַ פאַנטאַסטישע דערהייבונג פון מענטשלעכן איבערבאַוואוסטזיין צו אַנטפלעקן די שייכותדיקייט פון מענטש צו אָט־דער סוד סודותדיקייט וואָס מיר רופן גאָט.

דערביי באַוואָרנט זיך די קבלה צו געבן צו פאַרשטיין, אַז וואָס מיר באַגרייפן ווי גאָט, איז אַזוי אומגעהויער, אַז עס קען ניט און טאָר אפילו ניט האָבן אַ באַשטימטן נאָמען, וואָרעם נ אָ מ ע ן דינט דאָך פאַרן צוועק אונטערצושיידן איין זאַך פון אַן אַנדערער, אָבער וואָס שייך ג אָ ט איז דאָך קיין אַנדער זאַך ניטאָ, קען דאָך קיין אונטערשייד ניט זיין. גאָט איז א ח ד, איז א י ן ס ו ף, איז ניט באַגרענעצט, און ניט פאַראַן אין ערגעץ אַ ליידיקייט וואָס איז אויסן פון אים.

דערמיט אונטערשיידט זיך יידישקייט פון, לאָמיר זאָגן, בודיזם. די בודיסטישע שיטה דערקענט, אַז קיום איז אַן אומגליק, אַז דער אידעאַל פון ז י י ן איז נ י ר וו אַ נ אַ — אַבסאָלוטער א ו מ ז י י ן. מענטש גייט דורך אַלערליי גילגולים בכדי דורך דעם צו לייטערן זיך ביז פטור ווערן פון די יסורים פון זיין.

יידישקייט געפינט אָבער תענוג און גליק אין ז י י ן. אמת, ז י י ן האָט טאַקע זיינע יסורים, אָט־די יסורים וואָס, ווי פריער דערמאָנט, געפינען טיפן אויסדרוק אין די כתבי קודש, אָבער דאָס זיינען די יסורים פון חומר וואָס באַגרענעצט ז י י ן. ווי בודיזם, גלייבט קבלה אויך אין גילגולים, אָבער דאָס זיינען ניט גילגולים וואָס פירן צו א ו מ ז י י ן, נאָר זיי פירן צו סך־הכולדיקן זיין, צום אומבאַגרענעצטן זיין, וואָס איז באַפרייט פון חומר, וואָס דאָס, און נאָר, דאָס, איז דער אַבסאָלוטער אומבאַגרענעצטער און פאַרטיפטסטער מקור פון גליק.

און באמת, גילגול הנפש, לויט דער קבלה, מיינט ניט דווקא, אַז די נשמה פון מענטש גייט אַריבער פון איין נפש אין אַן אַנדערן — פון מענטש צו מענטש, אָדער פון מענטש צו אַ בעל־חי. עס האָט אַ טיפערן באַטייט: דער גילגול אין מענטש גופא — די איבערגעשטאַלטונג פון דער נשמה אין דעם אייגענעם נפש וואו עס געפינט זיך. אין דעם באַשטייט טאַקע דער גרויסער באַטייט וואָס יידן גיבן אַריין אין דעם באַגריף פון תשובה. ס'מיינט, אַז דער מענטש מאַכט זיין חשבון הנפש, בעסערט זיך אויס, האָט חרטה אויף די שלעכטס אין זיך און פאַרקערט זיך אויף גוטס; קערט זיך אָפּ פון זיינע זינדיקע וועגן און גייט אַריבער צו אַ גערעכטיקטן לעבנס־שטייגער און לעבנס־אויפפיר.*) דערפאַר איז דאָ דער יידישער זאָג: פאַר אַ בעל־תשובה קען אַ צדיק גמור ניט קעגן שטעלן זיך (במקום שבעלי תשובה



עומדין צדיקים גמורים אינם עומדין.— (ברכות ל"ד, אויך סנהדרין צ"ט).

לעבן איז פון דער אומענדלעכער חכמה אַזוי פאַרפאַסט, אַז עס שליסט איין אין זיך גופא דעם באַשייד פון דער רעטעניש פון ו ו ע ר ן און ז י י ן. פרעגט זיך: ו ו ע ר ן איז אָ נ ה י י ב, אָנהייב איז מחייב ה מ ש ך — נו, איז המשך מחייב סוף?

דער ענטפער איז, אַז דעם באַשייד פון אָט דער האַרבער שאלה דאַרף און קען מענטש געפינען אין זיך זעלבסט ווי אַ פערזענלעכע דערפאַרונג.

פאַר דעם איז נייטיק צו אַנטוויקלען דעם אייגענעם זינען און נשמה. אַזאַ אַנטוויקלונג שאַפט די מעגלעכקייט פאַר מענטש, מיט דער צייט, צו גרייכן די טראַנסצעדענטאַלע מדרגות פון דעם אייגענעם איך, צו קענען דרינגען אין די איבער־פיזיש־מענטשלעכע מקורות, אַריינקריגן די זיכערקייט, אַז עס עקזיסטירט און האָט אַ ממשותדיקן קיום אַ וועלט וואָס איז איבער און אַריבער אונדזער וועלט פון דערפאַרונג, און וואָס איז אַזוי ווירקלעך, ווי די דאָזיקע וועלט וואו מיר געפינען זיך אַצינד, און אפשר נאָך מער ווירקלעך.

ס'איז ניט אַזוי צוצוקומען צו אָט־דעם באַוואוסטזיין. דאָס איז דער באַוואוסטזיין פון די גרויסע גייסטער פון צווישן מענטש, וואָס באַשטימט אָן די מינדסטע ספקות אַז —

1. מענטש איז אין דעם פראָצעס פון אייביקער שאַפונג אַן אינטעגראַלער טייל פון דעם גרויסן, אומענדלעכן שכל־איבער־שכל פונעם אין־סוף, וואָס מיר רופן גאָט;

2. מענטשלעך לעבן איז נאָר דער אָנפאַנג פון אַ דערפאַרונג פון דער אָן אויפהער אויפוויקלונג און אַנטפלעקונג פון דעם ווירקלעכן אינערלעכן איך.

לאָמיר נאָר דערביי כסדר האָבן אין זינען: לעבן איז אַן אינטימער ענין. קיינער קען פאַר מיר ניט לעבן מיין לעבן, קיינער קען פאַר מיר ניט איבערלעבן מיינע אייגענע דערפאַרונגען און קען זיי פאַר מיר ניט אַנטשיידן. דער א י ך קען שטייגן צו העכערע מדרגות, גרייכן פאַרטיפטע געפילן, דערפאַרן הערלעכע שיינקייטן — בלויז דורך דעם אייגענעם פרייען ווילן אַזוי צו טאָן און צו דעם צו שטרעבן. דאָס, ווי געזאָגט, קען אָבער טאָן יעדער מענטש פאַר זיך אַליין. קיין אַנדערער קען עס פאַר אים ניט טאָן. ווי יעדער מענטש ווערט געבוירן פאַר זיך אַליין, אַזוי שטאַרבט יעדער מענטש פאַר זיך אַליין. לעבן, ווי טויט, איז אַן אינטימער ענין פאַר יעדן יחיד. און היות דאָס איז דער קאַטעגאָרישער געזעץ פון דער נאַטור, פון וואָס קיינער קען ניט אָפּווייכן, איז עס דאָך אַן אומזין ווען יעדער באַזונדער זאָל פאַר זיך אַליין ניט באַטראַכטן ערנסט אָט דעם ענין און ניט מאַכן די נייטיקע הכנות פאַר דער גרויסער געשעעניש, וואָס ער קען ניט אויסמיידן צו טרעפן זיך מיט דעם פריער אָדער שפּעטער.

און וואָס שייך די דאָזיקע הכנות, קענען זיי דאָך ניט זיין קיין אַנדערע סיידן גייסטיקע. דאָס זיינען די גייסטיקע דערפאַרונגען וואָס מענטש זאַמלט אָן דורך זיין לעבנסגאַנג. און ווען מ'פאַרטיפט זיך אין דעם ענין, קומט מען צום לאָגישן שלוס — מ'מוז צום דאָזיקן שלוס קומען! — אַז אַ סך פון די ווערטן, וואָס ווערן באַטראַכט צו זיין לעבנסנייטיק אויף דער פיזישער וועלט, זיינען זיי באמת נוצלאָזער באַלאַסט אין דעם נייעם לעבן צו וועלכן מ'קומט אַריבער, און ווען מ'גיט אָפּ די גאַנצע מי אָנצוהאַלטן זיך אָן זיי, זיינען זיי ניט קיין געווינס, נאָר אַ פאַרלוסט. און דאָס פירט צום ווייטערדיקן לאָגישן אויספיר, אַז אונדזער איינגעשטעלטע השגה פון לעבנסווערטן האָט קיין זין ניט, סיידן זי איז ענג געבונדן מיט די דאָזיקע ווערטן וואָס פאַרלירן ניט זייער באַטייט דורך צייט, וואָס קענען און טוען זיך ניט ענדערן דורך אָרטיקע און צייטיקע באַדינגונגען און מענטשלעכן אַנטוויקלטן וויסן.

אָט־דער ענין וואָס ווערט דאָ באַטראַכט,

---

*) אהרן צייטלין, אין זיין פריער־דערמאָנטן גאוניש ווערק, ברענגט ראיות, אַז ניט נאָר איז גילגול הנפש אַ ווירקלעכקייט, נאָר אַז ס'געשען אויך דיבוקים. אַזעלכע ראיות געפינען זיך אין זיינע מאמרים: „נגינה והאח בזמנים" (ז. 220), „הפליאה של וואטסיקה" (ז' 226), און נאָך און נאָך.

אַ קאַפּריז און אַ צופאַל פון דער נאַטור, וואָס זי אַליין איז אויך בלינד און בלינד שאַפט זיך מענטש פון איר — איז דאָך לויטן באַגריף פון תכליתדיקייט, וואָס איז אין געמיט און פאַרשטענדעניש פון מענטש, זיין עצם קיום אַן אומזין. דעמאָלט פרעגט זיך: ווי קאָן זיך פאָרן דער באַגריף פון זינען, וואָס איז אַריינגעגעבן אין טבע פון מענטש, מיט דעם אומזין פון זיין עצם קיום ? . . .

פאָרט זיך עס טאַקע ניט! מענטש פילט און דערקענט די חכמה־איבער־אַלע־חכמות פון דעם קיום פון עולם ומלואו. ער איז באַשאָנקען מיט אָט־דער דערקענטעניש, וואָס אַנדערע בעלי־חי פאַרמאָגן זי ניט, און דאָס גיט אים דעם באַוואוסטזיין, אַז ער איז אין דער בחינה פון אַ שותפות צו דער היפּאָטעזע פון בראשית, אַ שותף צום המשך, וואָס ער אַליין איז אַ טייל פון דעם, און, הגם זייער אומבאַשטימט און פאַר־נעפּלט, איז ער זיך אויך משער אין־סוף.

רעליגיעזע געפילן זיינען טיף איינגע־וואָרצלט אין מענטש. זיי טאָרן ניט און דאַרפן ניט אָפּגעשוואַכט ווערן דורך דעם ראַציאָנאַלן געדאַנק וואָס באַציט זיך מיט ספקות מכוח די נסים פון אַמאָל וואָס ווערן דערציילט אין די כתבי הקודש. ניט נייטיק צו גלייבן, אַז בדרך נס האָט משה געשפּאָלטן דעם ים־סוף, אָדער אַז בדרך מחוץ לטבע האָט יהושע אָפּגעשטעלט דעם גאַנג פון דער זון און דער לבנה בעת ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט די כנענים. אָט־די מופתים קענען זיך זיין ניט אַנ־דערש ווי פאַנטאַסטישע באַשרייבונגען פון בעלי־חלומות. מיר זען אָבער באַ־שיינפּערלעך נסים וואָס געשען פאַר אונ־דזערע אויגן יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע רגע פון אונדזער לעבן. מיר זען דעם וואונדער פון לעבן און טויט, פון אויפ־קום און אומקום, דעם מעטאַמאָרפאָז פון אַנטשטייין און אַנטוויקלונג, און דאָס אַלץ, אין אַלע זייערע פאַזן און אויסדרוקן, איז דאָך אַ פיל גרעסערער נס, אַ פיל גרע־סערע מיסטעריע אײדער אפילו די פאַר־פילפּאַכסט פאַנטאַסטישע שפּאַלטונגען פון ים־סוף, אין וועלכע די אין פשטות אויסטייטשערס פון דער תורה ווילן אונדז מאַכן צו גלייבן.

דער טיפער זין פון רעליגיע, באַזונ־דערס פון דער יידישער רעליגיע, איז אַרויסצוברענגען די שייכותדיקייט צווישן מענטש מיט דעם גרויסן וואונדערלעכן און מיסטעריעזן כוח און ווילן וואָס שאַפט דעם קאָסמאָס און אַלץ וואָס איז אין אים, שטעלט איין זיינע געזעצן און באַהערשט אים. אָט־דער זינען דאַרף פאַרשטאַרקט ווערן אין יעדן מענטשנס באַוואוסטזיין אויף אַזאַ מדרגה, אַז זיין יעדער הילוך און אויפפיר אין לעבן זאָל איינגעריכטעט ווערן אין פולער האַרמאָניע מיט דעם באַוואוסטזיין און גייסט וואָס מאַכט אים פאַר אַ שותף צו דעם וואָס איז איבער און אַריבער דעם קאָסמאָס און וואָס האָט אין באַשאַף פון מענטש אַריינגעגעבן אַ פונק פון שכל־איבער־שכל וואָס פונדעוועט וועלט און שאַפט לעבן איבער דעם אוני־ווערס.

מענטש און וויסנשאַפט זיינען אויך באַ־וואונסזיניק אויף דעם, אַז אין קאָסמאָס געפינען זיך אומצייליקע מיליאַרדן פּלאַ־נעטן, ענדלעך צו אונדזער ערד, וואָס אויף זיי האָט זיך אויך געקענט אַנטוויק־לען לעבן דורך די גרענעצלאָזע אויס־שפּרייטן פון שטח און צייט. און אויב דאָס איז אַזוי, האָבן זיך דאָך אויף אַ סך פון די דאָזיקע פּלאַנעטן געוויס אַנטוויקלט פאָר־מען פון לעבן און אינטעליגענץ, ווי אויף אונדזער ערד, און אפשר אויך מער אַנט־וויקלטע און מער פאַרטיפטע אינטעליגענץ.

הייסט עס, די ערד איז ניט עלנט אין קאָסמאָס, און מענטשן אויף דער ערד זיי־נען ניט די איינציקע צו באַטראַכטן זיך פאַר בחירי היצירה. איינציק איז אָבער דער באַשעפער. וואָרעם וואו לעבן זאָל נאָר ניט האָבן אַנטוויקלט זיך, שטאַמט עס פון זעלבן מקור, פון די זעלביקע געזעצן פון נאַטור, וואָס קענען אַנדערש ניט קומען סיידן דורך איין ווילן.

ווען מענטש גרייכט אָט־דעם באַוואוסט־זיין, דערקענט ער, אַז מחמת ער איז אין פּראָצעס פון עוואָלוציע אַ גייסטיקער פונק פון גאָט, קען זיין קערפּער טאַקע ענדערן זיך אויף אַן עוואָלוציאָנערן שטייגער, אָבער דאָס וואָס מאַכט אים פאַר אַ מענטש, זיין נשמה, זיין גייסטיקע אידענטיטעט, דאָס אין אים וואָס זאָגט „איך בין איך", דאָס קען ניט און טוט ניט אומקומען. מענטש טוט דעמאָלט אויסגעפינען, און



דוד ספּאַרד / וואַרשע

## דריי לידער

### שאַקאַלן

שאַקאַלן
זיינען אומגעריכט אויף די פרייע וועגן
אַ ציגעלע באַפאַלן
און גלייך צעבילט זיך מיט אַ וויסטן וואָיען:

„אָ, חיות, זעט,
ווי דאָס ברעקל גייט
מיט ציין און נעגל אונדז אַנטקעגן,
ווי ס'טוט דאָס לעבן אונדז באַדראָען —
ראַטעוועט פון אונטערגאַנג,
דערלויבט וואָס שנעלער עס פאַרציקן,
כדי פאַר אַלע זינד, וואָס ס'איז באַגאַנגען,
געבן דעם אַליין אַ תיקון."

באַנעמענדיק פון די שיינע רייד דעם זין,
האָבן אַלע חיות כלומרשט זיך צעוויינט
אויף דעם גורל ביטערן פון די שאַקאַלן,
וואָס ווערן נעבעך פון די ציגעלעך באַפאַלן,
און אַרויסגעטראָגן
אַ פּסק אַ גערעכטן:

„היות דאָס ערשטע איז דאָס ציגל באַפאַלן,
מעג פון היינט אָן יעדער
זי כסדר
פראַנק און פריי עס שעכטן.

### ביים קבר פון אומבאַקאַנטן קינד

אויף דער תליה פון אַ ווינט
צווישן ערד און הימל
הענגט דער קבר פון אומבאַקאַנטן קינד,
פון דעם יידישן פאַרברענטן קינד,
און ווי אַן אָפּגעפליקט פאַרבלוטיקט בלימל
שרייט מיין האַרץ דערנעבן,
שרייט פון פיין צעפּרעסן —
עס זאָל קיינער נישט פאַרגעסן,
עס זאָל קיינער נישט פאַרגעבן.

---

האָט ניט אין דעם קיין שום ספקות — ניט געאַכט אויף זיין רעליגיעזער אָנגע־העריקייט — אַז ער האָט זיך פּערזענלעך באַרירט מיט סאַמע געטלעכקייט.

מענטש דערקענט גאָט דורך דער דער־קענונג פון זיך זעלבסט, דורך דער דער־קענונג פון דער אומשטערבלעכקייט פון דער אייגענער נשמה.

נאָר די צייטן זיינען בלינד,
און קורץ איז דער זכרון,
און דעם קבר פון פאַרברענטן קינד,
פון מיליאָנען
קינדערישע קברים,
זיי פאַרשיטן מיט צערוישטע יאָרן,
ווי מיט בלעטער אָפּגעריסענע פון שטורעם.
און עס מאַכן זיך די הענקער
נישט געדענקען,
און ס'טוט זיי זעלטן ווער דערמאָנען.

בלויז מיין האַרץ פון פיין צעפּרעסן,
ווי אַן אָפּגעפליקט פאַרבלוטיקט בלימל,
שרייט צווישן ערד און הימל
און קאָן די הענקער נישט פאַרגעסן.

### נישט געשטילט איז נאָך דער ווייטיק

נישט געשטילט איז נאָך דער ווייטיק,
דאָס געשריי איז נישט דערשריגן —
ווען זיינען ווערטער נייטיק,
אַלע ווערטער זאָגן ליגן.

קאָנען רייד דען בלוט פאַרבייטן,
און ניגונים — פייערצינגער?
אויפן אַש פון אַלע צייטן
אַלע פייגל ווידער זינגען.

אויף דער ערד פון שוואַרצע רויכן,
אויף די שטעט אין בראַנד צעגליטע,
אַלע הימלען ווידער לויכטן,
אַלע ביימער ווידער צוויטן.

איבער קויל־פאַרברענטע גופים,
איבער נעכט פון לאַנגע מעסערס,
אַלע קלויסטערס ווידער רופן
צו פרימאָרגנדיקע מעסעס.

און די רוצחים אויף די וועגן,
די געשפּענסטיקע פאַרברעכער,
אָפּט מיט ברכות מען באַגעגנט,
מיט גוטפריינדשאַפט און מיט שמייכלען.

און דורך לענדער דאָרט און דאָ
זיי גייען אום זיך פראַנק און פרייע —
און ס'איז קיין דין אויף זיי נישטאָ
און נישט קיין ד י י ן.

ח. מ. ראָטבלאַט

# דער למד־וואָווניק

## אין אָנדענק פון מיין ברודער שמחה אליה ז״ל

(דערציילונג)

די שיף האָט אָנגעהויבן צו פאַרקלענערן איר טעמפּאָ, דערנענטערנדיק זיך צו די ברעגעס פון ניו־יאָרק. דעם רבס שיף־שכן, אַ ניו־יאָרקער ייד, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ באַזוך אין זיין געבורטס־שטעטלע, האָט אים מבשר געווען די בשורה, אַז בין־השמשות וועט די שיף אַנקערן אין ניו־יאָרקער האַפן.

דער שיף־שכן האָט געשיינט פון גליק און האָט איבערגעחזרט זיין באַליבטן פזמון:

„רבי, כ׳זאָג אייך, ס׳איז ניטאָ אין דער וועלט אַזאַ שטאָט ווי אונדזער ניו־יאָרק און ס׳איז ניטאָ אַזאַ יידישע קהילה ווי ביי אונדז אין ניו־יאָרק: טויזנטער שולן, בתי־מדרשים, תלמוד־תורות און ישיבות. צו וואָס, רבי לעבן, זאָלט איר פאָרן צו דעם קליינעם שטעטלע אין אינדיאַנע? איר וועט דאָרטן ניט געפינען קיין פאַסנדיקע שול. באַזעצט זיך אין ניויאָרק. איך בין אייך מבטיח, אַז ביי אונדז וועט איר עולה זיין מעלה, מעלה!“

דער יונגער רב האָט אים אויסגעהערט מיט אויפמערקזאַם און געשאָקלט דעם קאָפּ אויף ניין:

„כ׳האָב אייך געזאָגט, אַז כ׳פאָר צו מיין ברודער, וואָס האָט זיך געלאָזט קאָסטן אויף מיר ממון קורח! אַי, פרנסה? גאָט איז אַ פאָטער און מיט זיין הילף וועלן מיר, איך און מיין חנהלע, ניט שטאַרבן פון הונגער. אַ ייד דאַרף האָבן גלויבן אין זיין ליבן נאָמען און בטחון.“

אָבער טיף אין האַרצן האָט געטיאָכקעט דער וואָרעם פון פאַרצווייפלונג און אַ טיפע זאָרג האָט געקבערט זיין מוח: „מאַין יבוא עזרי?“

ער האָט אָנגעהויבן דאַוונען מנחה און די תשובה איז געקומען פון זיך: „עזרי מה׳! גאָט וועט העלפן!...“

פלוצים האָט אַ חרטה־געפיל אים באַהערשט און צעשטערט זיין תפילה:

„אַי וואָס פאַר אַ נאַרישקייט האָב איך אָפּגעטאָן! פאַרלאָזט דעם כסא הרבנות, וואָס כ׳האָב געירשנט פון מיין פאָטער ע״ה און עס אָנגעהאַלטן בכבוד גדול און וואַנדער אויס אין אומבאַקאַנט לאַנד, צוליב וואָס? געוואַלד, וואָס איך האָב געטאָן? גאָטעניו. פאַרלאָז מיך ניט אין דעם פרעמדן לאַנד!“

דער יונגער רב האָט איבערגעריסן זיין תפילה און טרויעריקע זכרונות פון די לעצטע חדשים אין זיין געבורט־שטעטעלע האָבן אים צעטרייסלט, אָבער אויך אַ קאָפּעטשקע באַרואיקט.

ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם לעצטן שמועס זיינעם מיט דעם „פראָבאָשטש“ פון שטעטעלע, וואָס פלעגט קומען צו אים אין בית־דין שטיבל צוליב טעאָלאָגישע וויכוחים.

אַנומעלט, ווען ער איז געזעסן אין דער סוכה און האָט זיך פאַרטיפט אין אַ שווערער סוגיה פון תלמוד, האָט זיין חנהלע אַריינגעפירט דעם גלח אין סוכה. דער רב האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און האָט זיין גאַסט פאַרבעטן צו גיין מיט אים אין בית־דין שטיבל.

„קומט אַריין אין מיין לערנצימער, וועלן מיר קאָנען שמועסן געמיטלעך!“

„ניין, פאַניע ראַבין, לאָזט מיך אויך פילן דעם טעם פון אַ זשידאָווסקי סוכה...“

דער גלח האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול נעבן פאַן ראַבין און האָט געפרעגט:

„זאָגט מיר, פאַניע ראַבין, וואָס איז דער סימבאָל פון דער סוכה? כ׳ווייס אַמאָל איז דאָס געווען דער יום־טוב פון אַריינגעמען די תבואה אין די שייערס, אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט פאַר דער גערעטעניש פון דער מאַמע־ערד, אָבער איצטער „נאַ אָבטשיזנע“, אין אַ פרעמד לאַנד, ניט אין פאַלעסטינע, וואו איר לעבט ניט פון ערד־אַרבעט, וואָס איז דער באַדייט פון דער סוכה?“...



דער רב האָט אים דערקלערט, אַז די סוכה איז דער סימבאָל פון אַ צייטווייליקער דירה, פונקט אַזוי ווי דאָס לעבן אין גלות איז...

„איר חלומט נאָך אַלץ וועגן „מעסיאַש“ (משיח), וועלכער וועט אייך צוריקברענגען נאָך דעם הייליקן לאַנד? ווייסט איר דען ניט, אַז אייער חלום וועט קיין מאָל ניט מקוים ווערן, ביז איר וועט ניט תשובה טאָן און זיך אומקערן צו גאָטס זון, יעזוסן!“

„לאָמיר דאָס מאָל ניט ריידן וועגן אַלטע דעבאַטירטע טעאָלאָגישע פרינציפּן. איך וויל מיט אייך ריידן וועגן אַ וויכטיקן איצטיקן פּראָבלעם, וואָס דאַרף אונדז ביידע שטאַרק פאַראינטערעסירן... איך איז מסתמא באַוואוסט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וואַקסט ביי אונדז אין שטעטל און פאַרסמט דאָס געמיינדע־לעבן! מ׳זאָגט מיר, אַז דער „וויקאַר“, דער יונגער גלח, איז דער פאַרשפרייטער פון אַנטיסעמיטיזם. צי וואָלט איר געהאַט אַ שמועס מיט אים וועגן דער פראַגע? אפשר וואָלט איר געהאַט אַ השפעה אויף אים?“

„כ׳קאָן אייך פאַרזיכערן, אַז אין קאָשצאָל פרעדיקט ער ניט קיין אַנטיסעמיטיזם, ער לערנט אָבער מיט דער יוגנט קאַטעכיזם און דעם נייעם טעסטאַמענט. מעגלעך אַז דאָרט פאַרשפרייט ער „אַנטיסעמיטישע געדאַנקען.“

דער רב האָט אים געפרעגט: „וואָלט איר ניט געקאָנט איינצוימען דעם וויקאַרס אַנטיסעמיטיזם? איר זיינט דאָך דער פאָטער פון דער פאַראַפיע?!“

דער פראָבאָשטש האָט כביכול תמעוואַטע געענטפערט:

„איר פאַרלאַנגט דאָך ניט, אַז איך זאָל אָפּלייקענען, אַז די יידן האָבן געקרייציקט יעזוסן? איר האָט דאָך געלייענט, פאַניע ראַבין, דעם נייעם טעסטאַמענט און ווייסט דאָך, אַז גאָטס קללה רוט אויף אייערע קעפּ, ביז איר וועט זיך ניט צוריקקערן צו גאָטס זון און אַנערקענען זיין משיחישקייט. ער איז דאָך געקומען אויסשליסלעך צו א י י ך און ניט צו די געצנדינערישע פעלקער! וואַרפט אַוועק אייער האַרטנעקיקייט!“

דער רב האָט געציטערט פון אויפרעגונג און כעס. ער האָט דעם פראָבאָשטש שאַרף געענטפערט:

„מיר וועלן קיין מאָל ניט טאָן קיין תשובה אויף אויסגעטראַכטע חטאים. ניט מיר האָבן געקרייציקט יעזוסן נאָר די רוימער. איר ווייסט אַזוי גוט ווי איך, אַז דאָס איז אַ שקר־בלבול, וואָס האָט פאַרסמט די קריסטלעכע וועלט, וועלכע האָט צוליב דעם פאַרגאָסן אונדזער בלוט אומשולדיק.“

דער פראָבאָשטש האָט גיפטיק געענטפערט:

„איר, פאַניע ראַבין, גלייבט אין אַלטן טעסטאַמענט און איך — אין דער אויטענטישקייט און הייליקייט פון נייעם טעסטאַמענט. איר וועט מיך ניט איבערצייגן. לאָמיר היינט ניט דעבאַטירן די פראַגע!“

„איך בין ניט קיין נשמה־כאַפּער! איך וויל אייך ניט איבערצייגן אין ענינים פון אמונה. מיר זיינען תמיד געווען טאָלעראַנט; אונדזער דעוויז איז תמיד געווען: זאָל יעדער זיך האַלטן ביי זיין גלויבן! איך וויל נאָר, אַז איר זאָלט האָבן אַן השפעה אויפן וויקאַר ניט צו העצן קעגן יידן, דאָס אַלץ!“

איך קאָן דאָס ניט טאָן, ווייל ער האָט אַ רעכט צו זיינע מיינונגען אַזוי גוט ווי איר, פאַניע ראַבין, צו אייערע זשידאָווסקע מיינונגען, כאָטש זיי זיינען שוין לאַנג בטל געוואָרן“...

„אויב אַזוי איז דער וויכוח געענדיקט! דער תהום איז שרעקלעך גרויס“, האָט דער רב גאַליק געענטפערט...

דער פראָבאָשטש האָט פאַרלאָזט די סוכה, ניט געזעגנדיק זיך מיטן רב, וועמען ער האָט תמיד געחנפעט פאַר זיין גרויסער וועלטלעכער בילדונג און דער עיקר פאַר זיין „פאָלשטשיזנאַ“, פאַר זיין גרינטלעכער קענטעניש פון דער פוילישער שפּראַך און איר ליטעראַטור.

דעם גלחס קאַטעגאָרישער אָפּזאָג אין זיינע שטעכווערטער האָבן דעם רב פאַרשאַפט שרעקלעכע ליידן, ווייל ער האָט תמיד פרעטענדירט צו זיין אַ יידן־פריינד און אַ ליבעראַל! אַ טרויער האָט אים באַהערשט און ער האָט געטראַכט: ניטאָ קיין צוקונפט פאַר אונדז יידן אין פוילן, מ׳דאַרף פאַרלאָזן דאָס לאַנד!

ער וואָלט געוואָלט עולה זיין קיין ארץ ישראל, אָבער זיינען מיטלען האָבן דאָס אים ניט דערלויבט. ער האָט זיך פאַר־

טיפט אין זיין פּראָבלעם און באַשלאָסן זיך צו ווענדן מיט אַ בקשה צו זיין יונגערן ברודער, אייזיקל, ער זאָל אים שיקן שיפסקאַרטן נאָך אַמעריקע.

ביים מאָלצייט אין דער סוכה האָט דער רב איבערגעגעבן זיין באַשלוס צו זיין פרוי און זי האָט תיכף מסכים געווען: „מ׳דאַרף אַנטלויפן פון דאַנעט, איידער דאָס קינד וועט געבוירן ווערן; מ׳דאַרף ראַטעווען 3 נפשות“, האָט די רביצין געזאָגט, „נאָך דעם קימפּעט וועלן מיר זיך חלילה ניט רירן פון אָרט און מיר וועלן לעבן אין דעם שרעקלעכן גיהנום“...

איצטער, ניט ווייט פון די ברעגעס פון ניו־יאָרק, האָט דער רב איבערגעלעבט די ביטערע אינצידענטן פון זיין לעבן אין פוילן. אין זיינע אויערן האָבן געקלונגען די באַליידענדיקע העצערישע אויסרופן: „נאָך פּאַלעסטינע, פאַרשיווע יידן!“ ער האָט נאָך אַמאָל איבערגעלעבט דעם ביטערן טעם פון דעם פּאָגראָם אין זיין שטעטלע. ער האָט געלייענט פון זכרון די ברוטאַלע, גיפטיקע, פּאָגראָם פּראָקלאַמאַציעס, ווי מ׳האָט געהעצט צו שחיטות און דאָך האָט ער זיך ניט געקענט באַפרייען פון טרויעריקן דרטה־געפיל: „פאַרוואָס האָב איך פאַרלאָזט מיין עדה און איך וואַנדער צו אַן אומבאַקאַנטן לאַנד? וואָלט מיין פאָטער, זכרונו לברכה, אויך אַזוי פחדנותדיק געהאַנדלט? ער וואָלט געקעמפט ווי אַ לייב, און ניט איבערגעלאָזט אויף הפקר זיין עדה און קהילה... צוליב וואָס האָב איך זיך אַזוי באַנאַרישט, צוליב וואָס?“

דאָס חרטה געפיל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויזאַמער זאָרג: וואָס וועל איך טאָן אין אַמעריקע?... צי וועל איך געפינען אַ כסא־הרבנות אין אַ פרעמד לאַנד, ניט קענענדיק איר שפּראַך, קולטור און זיטן? צי וועל איך זיך קענען איינלעבן אין אַ יידישער קהילה און טאַקע האָבן אויף איר אַן איינפלוס?

דאָס פייפן פון די שיפן אויפן ברעג האָט איבערגעריסן זיינע געדאַנקען. ער האָט פאַרפּאַקט זיינע וואַליזקעס זיין שיפשכן האָט אים געהאָלפן זיי אַרויפצוטראָגן אויפן דעק פון דער שיף.

די וואָלקנקראַצערס האָבן געשוועבט אין חלל און האָבן אים פאַרבלענדט מיט זייערע מיליאָנען־מיליאַסן ליכט־שטראַלן. די צאַרטע, איידעלע און שוואַכע רביצין האָט געפיבערט פון שרעק. איר בלאַס פנים, דער נערוועזער בליק און אירע טרויעריקע אויגן האָבן אויפן רב אַן אימה אָנגעוואָרפן. זי האָט אים געהאַלטן ביים אָרעם און ער האָט געפילט דאָס שטאַרקע קלאַפּן פון איר האַרץ.

„חנהלע, וואָס איז מיט דיר? וואָס ציטערסטו אַזוי פון שרעק? מיר פאָרן דאָך צו מיין ברודער, אייזיקל, וואָס האָט אויסגעגעבן אַן אוצר מיט געלט אונדז צו ברענגען נאָך אַמעריקע. ער וועט אונדז באַהילפיק זיין זיך מפרנס צו זיין אין אַמעריקע. זאָרג זיך ניט: „מאן דיהב חיי יהב מזוני“ — דער רבונו של עולם וואָס גיט לעבן, גיט אויך פּרנסה! מיט גאָטס הילף וועלן מיר זיך איינבירגערן אין פרעמדן לאַנד. זאָרג ניט, מיין חנהלע, ס׳וועט זיין גוט! האָב־זשע בטחון...“

דער טרייסטער און דער דערמוטיקער רב האָט זיך אַליין געניטיקט אין אַ גוט וואָרט פון דערמוטיקונג. ער האָט גערעדט מער צו זיך ווי צו חנהלען: „ניט געזאָרגט, מיר וועלן ניט אויסגיין פון הונגער און ניט וואוינען אויפן גאַס. דער רבש״ע וועט אונדז ניט פאַרלאָזן! יאָ, חנהלע טייערינקע, בטחון, און נאָך אַמאָל בטחון! ס׳וועט זיין גוט! מיט גאָטס הילף!“

דער רב מיט דער רביצין זיינען אַראָפּ פון דער שיף מיט שווערע געמיטער, ווי צוויי פאַרלוירענע קינדער אויף אַ ווילדן אינדזל... דער הו־האַ פון האַפן האָט ניט פאַרטויבט זייער שרעק און זאָרג...

דער שיף־שכן איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן מיט אַ הילכיקן „גוד־באַי, רבי!“ וואו זאָלן זיי זיך קערן און ווענדן? קיינער האָט זיי ניט אָפּגעוואַרט ביים האַפן. אַ טרויעריקע שטימונג פון פאַרלוירנקייט האָט זיי אַרומגענומען...

פּלוצים האָט זיך אַ מיטלוואוקסיקער ייד, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר און מיט ביסטרע אייגעלעך, זיך דערנענטערט צו זיי און געפרעגט: „איר זייט אפשר ר׳ שלמה חריפס זון, דער לינטשיצער רבי?“

איידער דער רב האָט אים געענטפערט אויף דער פראַגע האָט דער אַגענט אים באַגריסט: „ס׳קאָצל קומט, רבי! איר דערקענט מיך ניט? איך בין יאָסקע דעם קלעזמערס זון.“

„גוט צו טרעפן אַ היימישן ייד ביים אַראָפּגיין פון שיף. איר האָט דאָך פאַרלאָזט לינטשיץ אין מיינע קינדער־יאָרן, דאַרום האָב איך אייך ניט דערקענט, ר׳ ייד!“

„ביי אונדז אין לינטשיץ רעדט מען נאָך אַלץ מיט גרויס התפעלות וועגן אייער פאָטערס נגינה. זיי גלייבן, אַז אַזאַ מנגן איז אַ זעלטנהייט. זיין פידעלע האָט גערעדט צו דער נשמה“ אַזוי האָט די רביצין דעם פרעמדן געוואָלט אַביסעלע פאַרגעניגן פאַרשאַפן...

„אָל־ראַיט, אַ גוטער פידלער איז דער טאַטע געווען, אָבער קיין ברויט צו דער זאַט האָב איך אין זיין הויז ניט געהאַט, און קיין גאַנצן מלבוש אַוודאי ניט. נויט, נויט, און דאַטס אָל!“

ער האָט ממשיך געווען זיין שמועס: „דעם אמת זאָגנדיק, בין איך אויך דאָ, אין אַמעריטשקע, ניט קיין פאָרד און ניט קיין מאָרגאַן, אָבער ברויט האָבן מיינע קינדער איבערגענוג, כאָטש פלאַץ פון פרעסן! רבי, איר זאָלט וויסן: אַמעריטשקע פרעסט, מ׳פרעסט אין דער פרי, מ׳פרעסט בייטאָג, אפילו ביינאַכט! מ׳פרעסט אין דער אייגענער היים, מ׳פרעסט אין רעסטאָראַנען, מ׳פרעסט! און אַלץ אין האָרי־אָפּ! דאריבער קרענקען צו מענטשן, אַלץ פון איבערפרעסן!

„אָבער וואָס פלוידער איך אַזויפיל? איך האָב פאַרגעסן אַז „טאַים איז מאָני“ — צייט איז געלט! נו, האָרי־אָפּ, רבי! וואו האָט איר אייערע סעטשלס, וואַליזעס? לאָמיר זיי אַריינוואַרפן אין מיין קבצנסקע טראָקל און היידאַ, געפלויגן צום באַן, ס׳איז שפּעט! טאַים איז מאָני! רבי, האָרי־אפּ!“

דער מגושמדיקער ייד מיט זיין פרעסערישן שמועס האָט ניט שטאַרק אויסגענומען ביים פאַרפאָלק און אַ ביטערע פראַגע האָט געגבערט זייערע מוחות: איז דער מגושמדיקער ייד דער רעפרעזענטאַנט פון דעם אַמעריקאַנעם יידישן ישוב? ניין! עס גלייבט זיך ניט, האָט דער רב זיך געטראַכט.

דער אַגענט האָט זיך צעשריגן: „רבי, האָרי־אפּ! לאָמיר וואָס שנעלער פאָרן צום באַן! טאַים איז מאָני!“

דער אַגענט האָט אַריינגעוואָרפן די וואַליזקעס אין זיין לאַסט־מאַשינקע, געהאָלפן זיינע פאַסאַזשירן אַרויפצוקלעטערן אויף דער קעלניע נעבן אים און — היידאַ, „געפלויגן“ צום באַן.

קומענדיק צו דער באַן־סטאַנציע האָט דעם רב דערוואַרט אַ שלעכטע בשורה: צוליב דעם סטרייק פון די באַן־באַאַמטע און אַרבעטער זיינער די פרייזן פון די בילעטן געשטיגן און ר׳האָט געמוזט צוצאָלן פופצן דאָלער. בסך־הכל איז אים פאַרבליבן צוויי דאָלער; צי וועט עס סטייען איינצוקויפן אַביסל חיונה פאַר דעם לאַנגן וועג ביז שיקאַגע? און אַ ביטערע פראַגע האָט אים געפייניקט: וואָס וועט חנהלע עסן אויפן וועג? זי דאַרף דאָך חיונה אויך פאַר קינד!...

דער אַגענט האָט אַוועקגעשטעלט די וואַליזקעס נעבן אַ באַנק און האָט זיינע פאַסאַזשירן אָנגעזאָגט: „זעצט אייך אויף דער באַנק, רוט אייך אָפּ פון וועג, היט גוט די טיקעטס מ׳זאָל זיי אייך ניט צולקחנען; אויך אין דער גאָלדענער אַמעריטשקע זיינען דאָ קעשענע־גנבים, ווי ביי אונדז אין לינטשיץ! גוד־באַי, רבי, און האָט ביידע אַ גליקלעכע רייזע! ניטאָ קיין צייט, רבי! ס׳איז אַ לעבן פון האָרי־אפּ! כ׳קאָן ניט וואַרטן ביז די באַן וועט אָנקומען. גוד־באַי, לאַנדסלייט!“

דער אַגעט איז אַריינגעשפרונגען אין טראָקל און דאָס פאָרפאָלק האָט אים נאָכגעקוקט מיט פאַרבענקטע אויגן: פאָרט אַ היימישער מענטש!... זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט אין ליידיקן וואָקזאַל און געזוכט אַ יידיש פנים... דער וואָקזאַל איז געווען איינגעהילט אין פינצטערניש. אַ געהיימע שרעק האָט זיי באַפאַלן. דער צער פון איינזאַמקייט און פאַריתומדיקייט האָט אַרויסגעבליקט פון זייערע פייכטע און באַטריבטע אויגן.

פּלוצים האַט זיך דערנענטערט צו דער באַנק אַ מגושמדיקע בריה, ספק גוי, ספק ייד, מיט אַ געשטופּלט פנים. זיינע כיטרע אייגעלעך האָבן געפינקלט מיט פייערדיקע בליקן, גלייך ווי ער וואָלט געקומען זיי דורס צו זיין, אָדער באַראַבעווען, אָדער אפשר גאָר זיי פאַרקויפן פאַר קנעכט.

ווער ווייסט זיינע טונקעלע פלענער?...

דער פרעמדער האָט געפרעגט מיט אַ האַמעטנעם פאַרגרייזטן יידיש: „איר יידן?"

„אַוודאי יידן! קוקן מיר ניט אויס ווי יידן פון יידנלאַנד?"

„איך, אויך ייד!" האָט דער פרעמדער אויסגעשאָסן מיט זיין האַמעטנעם לשון.

„וואו דו פאָרסט?" האָט דער פרעמדער געפרעגט דעם רב.

דעם רב איז ניט געוועזן צום האַרצן זיין „דו", גלייך ווי זיי וואָלטן ביידע געפאַשעט ציגן אויף איין לאָנקע, אָבער ער האָט באַהערשט זיין פאַרדרוס און געענטפערט:

„וואו פאָרן מיר? יידן פאָרן סתם אין דער וועלט אַריין"...

„אָבער וואו דו פאָרסט?" האָט דער פרעמדער איבערגעחזרט זיין פראַגע, און זיין פנים האָט אויסגעדריקט ערנסטן ווילן צו העלפן מיט וואָס ס'איז נאָר מעגלעך.

דער רב האָט אים געענטפערט:

„קיין שיקאַגע! וויפיל שעה וועלן מיר זיין אין וועג?"

„איר פרעמדע? האָט דער פרעמדער ניט דרייסטלעך געפרעגט.

„איר זעט דאָך, אַז מיר זיינען אימיגראַנטן. גיט אַ קוק אויף אונדזערע פעקלעך..." האָט די רביצין שמייכלענדיק געענטפערט. אָבער אירע אויגן האָבן אויסגעדריקט שרעק און אַנגסט!

„דו ניט מורא, איך ניט גענגסטער, איך גוטער ייד!"

כאָטש דער רב האָט ניט פאַרשטאַנען זיין לשון, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין זייער באַטייט און האָט אים געענטפערט:

„חס וחלילה! אַ ייד איז אַ ייד, ניט קיין וואַלד־גזלן. טאָ זאָגט־זשע טאַקע, ווי לאַנג וועלן מיר פאָרן ביז שיקאַגע?"

„דו וויז מיר דיינע טיקעטס!"

אַן אימה איז ביידן באַפאַלן. עפעס רעדט ער ווי אַ גזלן, כאָטש זיין פנים איז אַ לייכטנדיק פנים...

„אַל תתן לו את הכרטיסים!" האָט די רביצין מיט אַ ציטערדיקן קול גערעדט צו איר מאַן. (גיב אים ניט די בילעטן!) „הסכנה גדולה"!

„דו ניט שרעק! איך גוטער ייד, כאָטש מיין ווייב גויע! איך ליב יידן!"

דעם רב איז געפעלן געוואָרן זיין יידישער שטאָלץ, און האָט אים געוויזן די בילעטן.

דער פרעמדער האָט זיי באַטראַכט און אויסגעשריגן:

„אוי, שלעכט!"

„וואָס איז שלעכט? צי טויגן ניט די בילעטן?" האָבן ביידע מיט אַמאָל געפרעגט.

„איר זיצן אַ נאַכט אין באָפאַלאָ וואַרטן אויף טריין!... אוי שלעכט!"

דער פרעמדער האָט די לעצטע צוויי ווערטער באַגלייט מיט אַ רחמנות זיפץ.

דער רב איז גערירט געוואָרן פון דעם אמתן יידישן קרעכץ און דער פרעמדער האָט געוואונען זיין צוטרוי.

„ווי רופט מען אייך, ר' ייד?"

„דזשייקאָב! מיין מאַמע גערופן מיך יאַנקעלע!"

„וואָס קאָן מען טאָן?" האָט דער רב מיט צוטרויען געפרעגט.

„גיב מיר דיינע טיקעטס, איך עקסטשענדזשען!" זעענדיק דעם רבס וואַקלדיקייט האָט ער געזאָגט: „דו קום מיט, וועלן ביידע טאָן דעם דזשאַב!"

די רביצין האָט זיך געצאַפּלט פון שרעק. איר פנים איז געוועזן בלייך ווי דאָס פנים פון אַ שווער־קראַנקער פרוי: „אַל תלך! גיי ניט, איך וויל ניט בלייבן אַליין!"...

דער פרעמדער האָט זי געמוטיקט: „דו ניט האָב מורא, איך ניט גענגסטער!"

זיינע ערנסטע ווערטער האָבן זי באַרואיקט.

'נו, גייט, און קומט שנעל צוריק !"

„מיט גאָטס הילף! זאָרג זיך ניט, חנהלע !"

דער פרעמדער האָט אַראָפּגעלייענט דעם טיפן צער פון דער רביצינס פנים און האָט געזאָגט:

„מיר באַלד דאָ זיין! דו ניט מורא!"

„כ'האָב ניט קיין מורא. גייט שנעל און זוימט זיך ניט.

די רביצין האָט זיך געזעצט אויפן באַנק. קאַלטער שווייס האָט באַדעקט איר באַחנט פנים און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. זי האָט זיך איינגעוויקלט אין איר מאַנטל און אירע



ליפן האָבן געפליסטערט אַ תפילה צום רבונו של עולם:

„גאָטעניו, באַשיץ מיין שמואליקן אין זכות פון דעם קינד וואָס איך טראָג פון אים! גאָטעניו, פאָטער!"

נאָך מינוטן פון פיין און שרעק האָט זי דערזען פון דער ווייטנס איר שמואליקן. אַ באַרג שטיינער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון איר. די פיס האָבן זיך געהויבן ווי צו אַ מצוה־טענצל.

דער רב האָט געלויבט דעם פרעמדן יונגנמאַן: „ער איז דאָך, חנהלע, אונדזער מלאך, מיר וואָלטן געדאַרפט וואַרטן אויפן וואָקזאַל כמעט אַ האַלבן מעת־לעת, ווען ניט ר' יאַנקעלע! איצטער, טייערינקע, וועלן מיר ביידע גיין איינקויפן אַ ביסעלע חיונה פאַר דער לאַנגער נסיעה אויפן באַן. יאַנקעלע וועט זיין מיין איינקויפער!"

„נו דו נאָך מורא? איך דעם רבין ניט אויפגעגעסן!" האָט דער פרעמדער באַרואיקט דער רביצין פון איר שרעק און אויפרעגונג.

„ניין, איך ניט מורא!" האָט זי שפּאַסיק געענטפערט.

דער פרעמדער האָט אונטערגעטאַנצט פאַר פרייד: „איך ניט געוואוסט דיין מאַן ראַביי, דו רביצין!"

„ווער האָט דיר דאָס געזאָגט?"

„דער ראַבי מיר געזאָגט: איך קויפן עסן פאַר מיין רביצין!"

זאָל זיין אַזוי, אַבי גוט, הלוואַי זאָל איך טאַקע זיין אַ רביצין אין אַמעריקע!"

„זיין! זיין! דו באַחנטע רעביצין! דיין מאַן אַזוי פראַוד מיט דיר! — קום, ראַביי, קויפן עסן!"

דער רב און דער פרעמדער זיינען אַוועק איינקויפן חיונה פאַר דער נסיעה און די רביצין האָט געשיינט פון פרייד.

ווען זיי זיינען צוריקגעקומען מיט שקאַרמיצן פול מיט עסנוואַרג האָט חנהלע געפרעגט איר שמואליקן:

„דו האָסט באַראַבעוועט אַ באַנק? מיט צוויי טאָלער האָסטו איינגעקויפט אַזוי פיל פעק מיט עסנוואַרג?"

„דערווייל ניט, און כ'האָף אַז אויך ווייטער וועל איך ניט ווערן קיין גזלן! ר' יאַנקל האָט מיר געבאָרגט אַ פאַר דאָלער."

„און דו האָסט מסכים געווען צו נעמען אַן הלוואה, אויף וואָס פאַר אַ יסוד? וויאַזוי וועלן מיר באַצאָלן דעם חוב?"

„דער רבש"ע וועט העלפן. ניט געזאָרגט, חנהלע, ער איז אַ חונן ונותן!"

„איך האָף אַז אַזוי וועט טאַקע זיין," האָט חנהלע צוגעשמייכלט. „און איר, ר' יענקעלע, אויף וואָס קוקנדיק האָט איר געבאָרגט אים געלט?"

„איך ניט מורא, איך באָרג! אַ ייד ערלעך!"

„נו, גוט, ר' יענקעלע, זאָל אייך דערווייל גאָט באַצאָלן פאַר אַלעם. איר זיינט אַ גוטער האַרציקער ייד!"

„איך ניט גוטער ייד, איך האָב גויע אַ ווייב!"

דער רב האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס:

„ר' יענקעלע, ווערט פטור פון דער גויע, וועט איר זיין גאָר אַ גוטער ייד!"

„ראַביי! איך זי ליב!..."

„איך האָב דאָך ניט געזאָגט: האָט זי פיינט. זאָל זי ווערן אַ יידישקע, זאָל זי זיך מגייר זיין, וועט איר האָבן אַ יידישע פרוי!"

„ווי־אַזוי, ראַביי, ווערט אַ גויע אַ יידישע פרוי?"

„גייט, ר' יענקעלע, צו אַ רב, און ער וועט אייך ווייזן דעם ריכטיקן וועג!"

„איך דיך פאָלגן ראַביי!"

דער רב האָט די באַגעגעניש מיט דעם האַרציקן ייד באַטראַכט ווי אַ צייכן פון הימל: אַז ער קאָן מצליח זיין אין אַמעריקע און טאָן גאָר נוצלעכע רבנישע אַרבעט; ער קאָן טאַקע ווערן אַ וועגווייזער פאַר די פאַרבלאָנדזשעטע יידישע קינדער. אַ שטיין איז אַראָפּגעפאַלן פון זיין באַטריבטער נשמה. אַ שטראָם פון האָפענונג האָט איבערפילט זיין וועזן. ער האָט זיך געווענדעט צו חנהלען מיט אַ פריילעך פנים און מיט פינקלדיקע אויגן פון אמתער פרייד:

„זעסט, טייערע חנהלע, יידן זיינען אומעטום יידן, רחמנים בני רחמנים, אפילו ווען זיי בלאָנדזשען אין זייער לעבנסוועג און זינדיקן, פלאַקערט טיף אין זייערע הערצער דער ניצוץ האלקי, דער געטלעכער פונק, און לעשט זיך קיין מאָל ניט אויס... מ'דאַרף אויפבלאָזן דעם צאַנקענדיקן פונק, און ער צעפלאַקערט זיך!..

אַי, חנהלע, כ׳זאָג דיר, ניט געזאָרגט, ס׳וועט זיין גוט! די געטלעכע השגחה האָט מיך געפירט אין ריכטיקן וועג! ס׳וועט זיין גוט!”

ער האָט זיך געווענדעט מיט אַ בקשה צו יענקלען: „ר׳ יענקעלע, גיט מיר איי־ער אַדרעס, וועט מיין ברודער אייך שיקן אַ דאַנק־בריוול און טאַקע אויך אייך באַצאָלן דעם חוב. וויפיל האָט איר באַצאָלט אין קראָם?”

„איר שוין באַצאָלט. אייער שרעק מער דען מאָני!” האָט יאַנקעלע געזאָגט מיט האַרץ און נשמה. איך ניט נעמען געלט! שוין באַצאָלט!”

חנהלע האָט געשמייכלט. ס׳איז איר שטאַרק צום האַרצן געווען דעם פשוטן יידס גוטסקייט, אָבער די אַמאָליקע נגידישע טאָכטער האָט זיך געפילט באַליידיקט. זי האָט מיט אַ באַליידיקטן טאָן געזאָגט:

„מיר זיינען איצטער אָרעם, אָבער מיר זיינען ניט קיין שנאָרערס. ביטע, גיט אונדז אייער אַדרעס, מיר ווילן און וועלן טאַקע אייך באַצאָלן דעם חוב, מיט גאָטס הילף!”

„נו, זיין אַזוי! איך ניט באַליידיקן אייך. איר גוטע יידן!”

ער האָט אָנגעשריבן אַן אַדרעס און דאָס מיט גרויס אָפּשיי געגעבן דער באַחנטער רביצין, און זיין פנים האָט געשטראַלט פון צופרידנקייט.

יענקעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן באַנק נעבן פאָרפאָלק און געזאָגט:

„איך וואַרטן אויפן סטיישאַן ביז טריין קומען!”

חנהלע האָט אים געפרעגט: „צי וועט איר ניט מורא האָבן אַהיים צו גיין פון וואָקזאַל שפעט ביינאַכט?”

„איך ניט מורא, איר מורא, ניט איך!”

ער האָט ניט געוואָלט זיך רירן פון אָרט ביז מיטנאַכט. ווען די באַן איז אָנגעקומען האָט ער זיי אַריינגעפירט אין וואַגאָן, געפונען פאַר זיי פלעצער און זיי געגעבן עצות ווי אַזוי זיך אויפצופירן אויפן וועג. ער האָט זיך מיט זיי געזעגנט, ווי אַ ליבער פאָטער מיט זיינע קינדער, וואָס פאָרן אַוועק אין אַ ווייטן וועג.

פאַרן אַרויסגיין האָט ער דער רביצין געגעבן אַ קליין פעקעלע און בושהדיק געזאָגט: „דאָס פאַר דיר, רביצין, ס׳איז גוטער טשאָקאָלאַד! דאָס מתנה פון מיר! עס געזונטערהייט, רעביצין!

„אַ האַרציקן דאַנק, ר׳ יענקעלע! זאָל אייך גאָט באַצאָלן פאַר אַלעם. איר זענט אַ וואוילער ייד!” האָבן ביידע מיט האַרץ און דאַנקבאַרקייט געדריקט יענקעלעס הענט.

אייזיקל, אויסהערנדיק דעם סיפור המעשה, האָט אָנגעשריבן אַ טשעקל מיט אַ האַרציק דאַנק־בריוועלע און דאָס געשיקט אויפן אַדרעס פון פרעמדן יונגנמאַן, זיין ברודערס און שוועגערינס אומבאַקאַנטער מלאך...

דער בריוו איז צוריקגעקומען מיט אַ קורצן נאָטיץ: „ניטאָ אַזאַ מענטש אין שטעטל.”

דער רב האָט מיט גרויס פרייד געזאָגט: „ווי ס׳ווייזט אויס, אייזיקל, זיינען אין אַמעריקע אויך דאָ למד־וואָווניקעס! יידן זיינען יידן אומעטום, און וועלן פאַרבלייבן יידן! זעסט, חנהלע טייערע, יהיה טוב! זאָגט מען אין ישראל. דאָס גילט אויך פאַר אַמעריקע! ווי האָט דער בראַצלאַווער רבי געזאָגט: „דאָ וואו יידן וואוינען אין קאָמפאַקטע מאַסן, דאָ איז ארץ ישראל!”... די שכינה באַגלייט יידן אין אַלע גלותן. ס׳וועט זיין גוט, חנהלע! אוי, ס׳וועט זיין גוט!”

זיינע אויגן האָבן געפינקלט מיט אַ נביאיש פייערל.

## קאָונסיל פון ל. א. יידישע לייען־קרייזן

באַגריסט „חשבון” צו דער דערשיינונג פון זיין יובל־נומער (50).

מיר ווינטשן דעם רעדאַקטאָר, חבר א. פאָזי, און זיינע רעדאַקציאָנעלע מיטאַרבעטער, דערפאָלג אין דעם וויטערדיקן גאַנג פונעם זשורנאַל.

**גאָסי סאַרטאָ**, עקזעקוטיוו סעקרעטאַר
**מאַניע שניידער**, קאָרעספּ. סעקרעטאַר



ז. בונין

# צוויי לידער

## אַמאָל אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט

נו, טאַקע, פון וואָס טראַכט
אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט,
איינער וואָס האָט דערגרייכט
צו זיין זיבעציק אַכט?
פון היינט ?
ניין !
דער  א י צ ט י ק ע ר  היינט
טראָגט ניט מיט זיך
די האָפענונג און חלומות
פון פריערדיקע טעג,
וואָס זיינען אין פאָרויס געלעגן
אויף זיין לעבנס־וועג.
דער היינטיקער היינט איז בלויז אַ בריק
פאַר די נעכטנס,
וואָס וועלן קיין מאָל ניט קערן זיך צוריק,
און פאַר די מאָרגנס,
וואָס ווי אין נעפלס,
וואָלטן זיי געווען פאַרקליבן
און ווייניקע אַזוי געבליבן,
און צעפליען זיך ווי פייגל
אויפן ראַנד,
פון ערגעץ אַ געהיימען לאַנד,
ווי עמיץ וואָלט מיט אימפעט
זיי געטריבן;
קומען זיי, די נעכטנס
צו זיין בעט,
און בלייבן אים צוקאָפנס שטיין.
דערקאָנט ער זיי, דערמאָנט ער זיי,
געדענקט ער זיי, צי ניין?
געוויס געדענקט ער זיי—
אַכט־און־צוואַנציק טויזנט
פיר הונדערט און זיבעציק טעג,
וואָס זיינען אָפגעלאָפן
פון זיין לעבנס־ברעג.
אָט איז דאָך זיין היים
ערגעץ אין דער וויטער אוקראַינע,
טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער זיינע.
דרייצן זיינען זיי געווען אין צאָל.
וואו רוען איצט זייערע ביינער,
אין וועלכן טויטן־טאָל?
געבליבן איז ער נאָר איינער.
אָט זיינען דאָך די חדר־יאָרן,
דאָס לערנען זיך סטאָליערײַ,
דער „בונד”,
חברים ליבע און געטרייע —
אַלץ אַוועק, אַלץ פאַרביי.
און אָט קומען אים אויפן זין
די שיר־השירים־טעג
מיטן „שענסטן מין.”
נאָר גענוג,
גענוג מיט דעם וואָס ס׳איז געווען.
די נאַכט פאַרגייט
און באַלד שוין טאָגט,
„וואָס געווען, וועט מער ניט זיין”
האָט פושקין ערגעץ וואו געזאָגט.
וואָלט ער אַזוי געוואָלט
אַ שטערנזעער זיין,
און אַ בליק טאָן
אין דעם  י ה י ה  אַריין!
אַך, וואָלט געווען מעגלעך נאָר
זיין אויף דער זייט בריק,
כאָטש נאָך אַ פופציק יאָר.
ווי וועט אויסזען דאַן ישראל?
וועלן סוף־כל־סוף די יידן
לעבן מיט ישמעאלן אין פרידן?
און משיח וועט דאָך דאַן שוין קומען,
און אַלע מתים צונויפגענומען,
וועלן צו ארץ־ישראל
אונטער דער ערד זיך קייקלען,
נאָר חלילה אָן טרומייטערס
און אָן פייקלען!
ווארום ווען נאַסער וועט דערזען
אַזאַ גרויסע מאַסן־עליה,
וועט ער דאָך הענגען זיך
אויף המנס תליה!
און פעדאָרענקאָ און [פאָ]גראָמיקאָ,
וואָס זיינען ווי די היינט געטריי אים,
וועלן מאַכן געוואַלדן:
ישראל עליך, מצרים!...
אַ קלייניקייט,
וויפיל רוסלאַנד זאָל ניט שיקן
נאַסערן קאַנאָנען און האַרמאַטן,
וועלן זיי ניט קלעקן פאַר די מיליאָנען
פון דודס, ד י חשמונאים און בר־כוכבאס
צוריק צום לעבן געקומענע סאָלדאַטן!
היינט די אומשולדיקע „בלאַסע לבנה”,
וואָס פאָעטן האָבן „שרה־נאַדעס” געזונגען
דורות־לאַנג צו אירע הויכן.
ל׳אָמיר האָפן, אַז אַמעריקע וועט זיין די
ערשטע וואָס וועט צו איר דערגרייכן!

און זיינע קינדער וועלן זיכער
פון די ערשטע זיין אויף דער לבנה,
בויען דאָרט זייער נעסט.
אַך וואָלט ער געווען אַ בעלן
פון צייט צו צייט
זיך אַראָפּכאַפּן צו זיי אין געסט !

דאָס איז אָבער אַלץ גערעדט טאַקע נאָר,
ווען דער אַלטער דאָרטן אויבן
פאַרגעסט אויך אים אויף הונדערט,
אָדער „פּאָקריייבימערע"
כאָטש נאָך אַ פופציק יאָר !
(12-10-67)

## על חטא

על חטא, וואָס געווען בין איך פאַרטאָן
מיט אַזוי פיל פרעמדע אידעאַלן,
און ניט געטרונקען פון מיין פאָלקס
גייסטיק־רייכע קוואַלן.

פאַר די שפּאַניער „לאָיאַליסטן"
פאַר אַ פאָלק וואָס האָט אין
פלאַמען אונדז געשליידערט,
איינגאַנצן אונדז געוואָלט פאַרוויסטן.

על חטא, וואָס אין מיינע יוגנט־טעג
האָב איך מיין לעבן איינגעשטעלט
פאַרן „נעבעך" רוסישן געדריקטן פויער,
און גלייכגילטיק געבליבן צו מיין פאָלק,
אין אַ קאַלטער, פרעמדער וועלט,
צו רדיפות און פּאָגראָמען אויסגעשטעלט,
צו שטענדיקער געפאַר־געלויער.

על חטא וואָס געקעמפט האָב אַזוי

ועל חטא, פאַר דעם וואָס איך האָב
אַזוי געפלייסט זיך פאַר ניקאַראַגוואַ,
צוריק מיט יאָרן אונטערדריקטע
פון יונייטעד סטייטס מאַרינען.
די אונגאַרן אפילו געהאַט אין זינען,
אונטערן קנאַפּל פון דיקטאַטאָר האַרטי.
אָנגענומען זיך פאַר אַלע,
אַלע אונטערדריקטע,
נאָר הוי, כרמי שלי לא נטרתי.

לוי גאָלדבערג / ניו־יאָרק

## אין יעדן דור

אין יעדן דור קומט אָן צו אונדז דער פּאָעט
און שאַפט זיך אין זיין וועלט דעם צענטער;
און ווערט — ווען די צייט קומט אָן — דער ליד־אנערקענטער
ווי אַמאָל דער נביא, וואָס האָט מיט גאָט גערעדט.

ווייל דער וואָס גייט די וועלט אַדורך, און זעט
דעם גרוילן־האַס פון מענטש צו מענטש אומעטום —
דער קען ניט בלייבן זיצן אויף אַ שטיין, ווי אַ בעל־מום,
און שווייגן מיט זיין וואָרט, ווי פאַרמשפט פון אַ חטא.

דעריבער ווערט ער דער ברענענדיקער פאַקל,
וואָס אין דעם צענטער פון זיין א י ך
צינדט ער פאַרן מענטש דאָס געזאַנג פון זיך
אויף שענער מאַכן גאָטס געפאַלענעם סך־הכול.

ניין, ניט ער באַזיצט די גייציקייט פון אַ בעל־גאווה.
צו זיין אַזעלכער דאָס האָט גאָט געגעבן אים די תאווה.



פּינטשע בערמאַן

# דריי לידער

## מיט זון אין די אויגן

ווער עס שטייט איינגעבויגן, ווי אַ בוים אין דעם ווינט,
און זיין אויג קוקט מיט יאוש אַראָפּ ;
ווער עס הערט נאָר געוויינען פון נעסט און פון קינד,
און זיין הימל אים ליגט אויפן קאָפּ —

מיין הימל רופט מיך: קום, שטרעק אויס אַ האַנט,
און נעם דיר אַ שטערן אָן מי ;
מיך גרוסט די זון מיט איר גלי און איר בראַנד,
און רעדט צו מיר יעדער אין דער פרי.

ווען־ער טריט עכאָן אָפּ מיט ניט־זיכערן קלאַנג,
און זיין האַרץ אין אים פיבערט מיט שרעק ;
ווער עס זעט הינטער יעטוועדן שטיינדל אַ שלאַנג
און וואָלף־טריט אויף יעטוועדן וועג.—

מיינע טריט טראָגן מיך זיכער פאָראויס
און עס זינגט צו מיר יעטוועדער שטיין;
עס רייסט זיך דער ווינט ניט מיט שרעק אין מיין הויז —
עס וואַכט איבער מיר גאָט אַליין.

## געבענטשט זאָלט איר זיין

די הערצער, וואָס רופן און וועקן די גלוטן,
אין צאַנקענדע אויגן, אין פאַרלאָשענע בלוטן;

די בליקן, וואָס וואַרפן און שפּרייטן, און זייען
די שטראַלן פון האָפן, פאַר די וואָס אין ווייען.

די שטילע נשמות, וואָס שפּינען און וועבן
די זונען און שטערן, פון פרייד און פון לעבן —

געבענטשט זאָלט איר זיין, אין אַ וועלט פון געוויינען,
אין טעג פון געיאָמער, אין נעכט פון מקונן,

וואָס איר ברענגט כאָטש, אין רגעס, אין שעהען, אין וואָכן,
אַ פלאַטער פון פריידן, אַ בליץ פון בטחון.

# אין אַ ווייסער נאַכט

עס טראָגט זיך דער ווינט איבער צייטיקע זאַנגען
מיט האָפער און פרייד ווי אַ קינד —
קומט לאָמיר זינגען די גאָלדענע געזאַנגען,
דאָס ליד פון צעהאָפערטן ווינט.

עס זינגט די לבנה אַ לויב צו דעם בורא,
און פלאַטערט און פליטערט אַרום —
קומט זיך באַהעפטן מיט דער וואונדער־מנורה,
וואָס ווינקט דאָרט און רופט צו אונדז: קום!

עס יום־טובט דער קאָסמאָס, עס הוליען די שטערן,
די נאַכט מיט אַ ווייסקייט עס זיצט —
קומט, לאָמיר יעדערער אָפּווישן טרערן,
און אָנצינדן העל דיעם געמיט.

מלכה לי / בראָנקס, נ. י.

# מיין מאַמעס יאסיקל

פעדערן געגדזענע פון קלאָרסטן ווייסן פוך
האָסטו אָנגעשטאָפּט אין יאסיקל, מיין מאַמע.
היינט ביסטו ניטאָ — איך געדענק דיין שפּרוך:
נעם דאָס יאסיקל איבער ווייטע ימען...

דיין יאסיקל האָב איך מיטגענומען דאָ אין לאַנד,
דיין נדן אין נחת און פריידן,
און עס אויסגעגלעט מיט מיין האַנט,
מיט דיין יאסיקל זיך קיין מאָל ניט צעשיידן.

דורך לאַנגע נעכט ווען איך שלאָף ניט איין
דיין יאַסיקל איך לייג צוקאָפּנס —
מאַמע מיינע, וויפיל טרערן פון געוויין
אין פעדערן פאַרטריקנטע אין טראָפּנס!

מיר דאַכט: איך פיל נאָך דיינע הענט,
אין נאַכט דו רופסט דיין טאָכטערס נאָמען.
מיטן פוכן יאסיקל פאַרקלעמט —
מאַמע, ווי מיט דיר אַרומגענומען...



יעקב שמואל טויבעס

# בײ גאָט אין שטוב

וואו אין דער וועלט ער זאָל ניט זיין, דער ייד איז ניט אַליין,
ער דאַרף נאָר מיט זיין שפּאַן די שוועל פון שול אַריבערגיין.

דאָרט נעמט אַרום און איז מחיה אים אַן אַנדער וועלט,
וואָס וואַרעמט זיין געביין, פאַרשטאַרט פון דרויסנדיקער קעלט.

ער וואָגלט ניט מער אין דער פרעמד און ווי אויף גאָטס באַראָט,
ער איז כמעט ווי אין דער היים, כמעט בײ זיך אין שטאָט.

זעט ער די עדה יידן אין טליתים איינגעהילט,
איז, ווי אַ חוש פון קרובהשאַפט וואַלט ער אין זיך דערפילט.

און שטייט מען שמונה־עשרה און שעפּטשעט שטילערהייט,
קניפּט די מתפללים צונויף די גלייכע יידישקייט.

פאַרן ארון דאָס פּרוכת מיט זיין פערפלבלאָ דערמאָנט
בײ זיך אין שול די סאַמעט־דעק, וואָס פאַר דער אָרון־וואַנט.

עס בליאַסקעט, בליצט פון ספר-תורה, מלכותדיק באַקריינט
מיט זילבער־כתרס פראַכט־געשטיק, פון גלעקלעך באַשיינט.

פון מענטעלע די פעדעמער, אויף רויט מיט גאָלד געשטיקט,
זיי גלינצערן בנעימותדיק, אַזש זייער גלאַנץ באַגליקט.

און שטייט מען פאַר דעם ספר, פאַר דעם אָפענעם, צעגליט
זיין אייביקער בטחון זיך אין נפש פונעם ייד.

די אותיות די געליבטע, די געכתיבהטע אין שוואַרץ,
ס'איז זייער כתב, דער הייליקער, אים איינגעקאַרבט אין האַרץ.

זיי זענען דאָס די עדותן פאַר אונדזער יידישן גאָט,
און טרייסט און נחת שעפּט ער פון זיין געטלעכן געבאָט.

וואו איז אַן אומה נאָך פאַראַן, אַ פאָלק, צעזייט, צעשפּרייט,
מיט נחלות אין אַ יעדן אָרט, וואָס נאָר זיין פוס באַטרעט?

ער מעג זיין אין מרחקים, זיין אין גלות, נע־ונד,
געפינט ער אַ בית־מדרש וואו, אַ שול, אַ מקדש־מעט.

איז אין אַ מקום־מקלט ער, איז ער אין יידישן תחום;
וואו גאָט איז, האָט דער ייד אַ היים און — גאָט איז אומעטום.

וואו גאָט איז, איז די היים ביים יידן אָנגעלייגט און ליב,
ווייל זייענדיק אין שטוב פון גאָט, ער איז בײ זיך אין שטוב!

לילי בערגער / וואַרשע

# וועגן שפּאָטישן שמייכל פון ר' מענדעלע

(זייטיקע רעיונות און באַטראַכטונגען צום פופציקסטן יאָרצייט פון מענדעלע מוכר ספרים)

ס'האָט ווער געהאַט געזאָגט, אַז שרייבער און ביכער זיינען ענלעך צו מענטשן: ווי לאַנג זיי לעבן אין אונדזער זכרון האָבן זיי אויסצושטיין... פון יעדן דור, פון יעדער עפּעס אַנדערש.

איז דאָס הפּנים נישט קיין גרויסע גוזמא. בדרך כלל נעמט דאָך יעדער דור, יעדע עפּאָכע אַנדערש אויף דעם זעלבן שרייבער, רעכנט זיך מיט אים אַנדערש אָפּ, געפינט צומאָל אויס אין זיין ווערק אַ שפּאָגל־נייעם אַספּעקט, וואָס איז אים יאָ, אָדער נישט צום האַרצן.

ס'געשעט אָבער, אַז ס'ווערט „אַנטדעקט" און אַרויסגערוקט אַ נייער אַספּעקט, וואָס איז שוין לאַנג, נאָך פאַרן לעבן פון שרייבער באַרירט געוואָרן. צי ווייל דער מענטשלעכער זכרון הינקט אונטער, צי ווייל אונדזער עמפּינדלעכקייט פאַרשאַרפט זיך גענוג, אַז מען הייבט אָן צו זען דעם „נייעם" אַספּעקט דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז.

אַזוי איז טיילווייז געשען מיט אונדזער גרויסן פאָלקס־שרייבער, מיט זיידן ר' מענדעלען. ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן ווערט פאַר די לעצטע יאָרן אָנגעוויזן, אַז שילדערנדיק דאָס יידישע לעבן, האָט מענדעלע אויסגעשטעלט יידן „צו שאַנד און צו שפּאָט." די נייע באַשולדיקונג ווערט איבערגעחזרט איז פאַרשיידענע וואַריאַנטן.

אין דער אמתן איז דאָס נישט קיין שפּאָגל־נייע זאַך און דער וויכוח אַרום דעם דויערט פון לאַנג. פאַר זיין לעבן נאָך האָט מענדעלע געהאַט אויסצושטיין פון פון ענלעכע פאָרוואורפן, וואָס זיינען געקומען אויך מצד זיינע גרויסע פאַרערער, טייל מאָל מצד נאָענטע פריינט און קאָלעגן שרייבער, הגם ס'האָט קיין מאָל קיינער נישט געספּקט, אַז דעם זיידן קומט די מזרח־וואַנט אין דער יידישער ליטעראַטור.

יאָ, ס'איז אַן אַלטער ענין, און כדאי זיך אומצוקערן צו אים.

* * *

אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן „פישקע דער קרומער," אַן אַרטיקל וואָס איז דערשינען אין אַן אדעסער שריפט אין יאָר 1890, האָט י. לערנער (צדוק פּרומעס) געשריבן: „פישקע דער קרומער — דאָס איז דער פאָרשטייער פון דעם יידישן ענגן, שמאָלן געסל, פונעם מיסט, פון דער בלאָטע, פונעם דלות, פון דער טאָרבע... מיט וואָס פאַראַ אויגן, פרעגט זיך אָבער, באַטראַכט ר' מענדעלע די יידישע טאָרבע? גיט ער אונדז אַזוינע אמתע טרויעריקע בילדער, וואָס זאָלן דערוועקן אין אונדזערע הערצער געפילן פון רחמנות צו אונדזערע געפאַלענע ברידער? אָ ניין, שלעפּערס, קאַליקעס, רויטע ממזרים, בלינדע מרשעתן — אָט־די זיינען זיינע העלדן, און זיי מאָלט ער אונדז אין אַזאַ שוואַרצער פאַרב, אַז אויסער עקל קאָן דאָס גאָרנישט אַרויסרופן... ווען דעם אייגענעם „יידישן דלות" זאָל אַרייננעמען אין די הענט אַריין אַ קינסטלער, וואָס איז באמת צוגעבונדן צום פאָלק, וואָס די ווייטיקן פון זיינע ברידער זיינען אים שטאַרק נאָענט — וויפיל זיסע, שיינע בילדער וואָלט ער אונדז געשאַפן?..."

לאָמר איצט אַריינקוקן אין די אָפּשאַצונגען פון אַ גרעסערן אויטאָריטעט און נעמלעך פון בעל מחשבותן. מיר לייענען ביי אים: „... כמעט פון איטלעכער שורה קלינגט אַרויס די פאַראַכטונג צו דער יידישער אַלט־צייטיקער מאַסע און כמעט איטלעך קאַפּיטל ענדיקט זיך מיט די ווערטער פון אַ טרויעריק געמיט, וואָס וויינט פאַר רחמנות... ער האָט פאַראַכטעט דעם יידישן כלל, וואָס איז נישט בכוח אַרויסצוגעבן אַ געזונטן יחיד, און וואָס איז ווי אַן אויסגעמאַטערט פעלד און לאָזט נישט אַריין קיין פרישן הויך, קיין לעבעדיקע געדאַנקען צווישן די ענגע, פאַרעיפּושטע געטאָ־מויערן... די פאַראַכטונג וואָס דער ייד האָט צו זיך אַליין, צו זיינע פּרנסות, צו זיינע עסקימלעך, צום גאַנצן אַרט לעבן זיינעם... האָט זיך באַזעצט אין האַרצן פון ערשטן גרויסן פאָלקסדיכטער."



כ'האָב בכיוון ציטירט אויך בעל־מחשבותן — אַ קליינעם ציטאַט בלויז פון אַזעלכע שטעלן, ווייל אָט־דער קריטיקער האָט מענדעלען געווידמעט פיל אַרבעטן און געשריבן האָט ער וועגן אים מיט גרויס יראת הכבוד און הויכער אַנערקענונג: „אַבראַמאָוויטש איז דאָס גרעסטע טאַלאַנט וואָס די יידישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד האָט אויפצואווייזן אין די לעצטע דורות... וואָס ער האָט געשריבן, איז געשריבן געוואָרן מיט דער געטלעכער פעדער, וועלכע איז צוזאַמען מיטן פייער־צוואַנג באַשאַפן געוואָרן משׁשת ימי בראשית..."

נו, אויב בעל־מחשבות האָט אין זיין גאַנצער באַגייסטערונג אַזוי שטאַרק געפילט יענעם אויבן־דערמאָנטן אַספּעקט, איז וואָס זיך צו וואונדערן, וואָס פון מאָל צו מאָל קומט אויס צו הערן האַרבע פאָרוואורפן אין באַצוג צום גרויסן שרייבער אונדזערן? דעם עמפּינדלעכן קריטיקער האָט אָבער דער „פלעק", וואָס ער האָט דערבליקט אויף דער פילפאַרביקער פּאַנאָראַמע, נישט פאַרשטעלט דעם ברייטן פאַרנעם און די גרויסע באַדייטונג פון גאַנצן בילד. נאָר נישט יעדערער איז דאָך אַ בעל־מחשבות.

אָבער נישט דאָס בין איך אויסן.

ס'שטעלט זיך דאָ אַן אַנדער פראַגע: צי בלויז ביי אונדז יידן, צוליב די פילע הויקערדיקע זייטן פון אונדזער לעבן, געשעט, אַז איינעם פון אונדזערע גרעסטע שרייבער, וועלכער האָט די הויקערס געשילדערט, זאָל מען פאָרוואַרפן צו האָבן אויסגעשטעלט דאָס פאָלק „צו שפּאָט און שאַנד"?

אַ סברה, אַז מיר יידן זיינען אין דעם פאַל לחלוטין נישט קיין אויסנאַם. אין פיל ליטעראַטורן ביי די אומות העולם קאָנען מיר געפינען ענלעכע דערשיינונגען, ווען באַרימטע שרייבער, פאָלקסדיכטער, וועלכע האָבן געבלוטיקט און געווייטיקט מיט די ווייטיקן פון פאָלק — היינט פאַראַן ווייניק אַזעלכע — האָט מען באַשולדיקט אין דערנידעריקן און באַליידיקן דאָס זעלבע פאָלק. אָט לאָמיר זיך באַגרענעצן צו אַזאַ אַנדערשדיקן פון מענדעלע גרויסן שרייבער ווי עמיל זאָלאַ. דער פאַרגלייך מיט זאָלאַ איז צוליב דעם, וואָס דער דאָזיקער פראַנצויזישער שרייבער איז, ווי מענדעלע, געווען אַ געניאַלער שילדערער פון מענטשלעכע קאָלעקטיוון, פון מאַסן־פּסיכאָז, שטאַרקער ווי די באַזונדערע מענטשלעכע גורלות און דראַמעס דערשיינט דער שיקזאַל פון דער עדה, פון כלל, דער פּרט ווערט אָפט מאָל פאַרלוירן אין כלל — ווי ביי מענדעלען.

ס'איז באַקאַנט, אַז כמעט יעדעס בוך זאָלאַס איז באַגלייט געווען מיט אַ טומל. ווען ס'איז אָבער דערשינען זיין באַרימט ווערק „אין שטייג"*) האָט זיך קעגן דעם מחבר אָנגעהויבן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן. קריטיקער מיט פיינפולע הערצער, אַרבעטער־טוער און סתם מבינים אויף ליטעראַטור האָבן זיך צעשריגן, אַז זאָלאַ דערנידעריקט דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק. „וואָס? די באַנדעס אַלקאָהאָליקער, פינצטערע מענטשן, דער גאַנצער שמוץ, וואָס רופט אַרויס עקל, איז דאָס פאָלק?" האָט מען געפרעגט.

אַוודאי קען מען בשום אופן נישט פאַרגלייכן דירעקט מענדעלעס שאַפונג צו זאָלאַס. דער מחבר פון „אין שטייג" האָט געוויזן דעם פיזישן און גייסטיקן דלות פון מענטש לויט זיינער אַן אייגענער גרונט־איינשטעלונג, וואָס שטאַמט פון זיין ליטעראַריש־נאַטוראַליסטישער קאָנצעפּציע. אויב שוין זוכן פאַרגלייכן צווישן מענדעלעס פּערסאָנאַזשן מיט העלדן אין דער וועלט־ליטעראַטור, וועלן מיר זיי געפינען ביי אויזשען סיו און דער עיקר ביי וויקטאָר הוגאָ. עס גייט דאָ אָבער אין אַ געוויסער שטעלונג אין דער ליטעראַטור, וואָס איז געווען דעמאָלט אַזוי גוט אַקטועל ווי היינט. עמיל זאָלאַ האָט אויף אַלע פאָרוואורפן, אַז ער ווייזט דאָס סאַמע עקלדיקע און מיאוסע, געענטפערט: אויב דאָס עקזיסטירט, דאַרף מען דאָס אַנטבלויזן אין דער גאַנצער נאַקעטקייט. צוליב וואָס? כדי דערפון פּטור צו ווערן. און די ליטעראַטור האָט אַ הומאַניטאַרע, אַ סאָציאַלע פונקציע.

טשעכאָוו האָט אויף ענלעכע פאָרוואורפן געענטפערט, אַז ער ווייזט אַלע טרויעריקע און מיאוסע זייטן פון לעבן, כדי די מענטשן זאָלן זיך גוט דערזען און ווערן בעסער און שענער. אָן אַ שיעור

*) נישט קיין בוכשטעבלעכע איבערזעצונג פון „ל'אַסאָממואָר."

אַנדערע ביישפּילן פון ליטעראַטורן ביי י אומות העולם וואָלט מען געקאָנט ברענגען, וואָס וואָלטן באַוויזן, אַז דאָס איז אַן אַלטע און אַלגעמיינע דעבאַטע. נישט אָפּשפּיגלען „נאַטוראַליסטיש" די ווירקלעכקייט, נאָר העלפן איר דאָס לעבן פאָרמירן — אין דער אמתן פאָרמירט מען נישט נאָר מען דעפאָרמירט — זאָגן איינע; אַראָפּלאָזן זיך אין אַלע טיפענישן, אַריינדרינגען אין אַלע פאַרבאָרגענע און פינצטערע ווינקעלעך פון לעבן און אַרויסברענגען אויף דער ליכטיקער שיין—זאָגן די אַנדערע.

האָט מען אָבער נישט איין מאָל געהאַט באַטאָנט, אַז מיר יידן זיינען עפּעס אַנדערש; אַנדערע מעגן אַזוי אַנטבלויזן, מיר נישט! מ'האָט דאָך אונדז אַזוי אויך צופיל נישט ליב.

דערויף האָט מענדעלע מיט קראַפט געהאַט געענטפערט: „וואָס נוגע מיר פערזענלעך איז, אָפן גערעדט, האַלט איך אויפריכטיקייט — אַחוץ אַלע זייטיקע סטימולן — פאַר אַן עטישן חוב... און אַזוי ווי איך האָב יידן ליב מיטן גאַנצן האַרצן, האָב איך דעריבער אויסגעקליבן אין דער ליטעראַטור דעם וועג פון סאַטירע, גאָרנישט מורא האָבנדיק צו פאַנאַנדערנעמען און אויפדעקן אונדזערע אינעווייניקסטע פעלערן..." און אין אַ בריוו זיינעם קאָן מען לייענען: „עס איז באַטירלעך און נויטווענדיק, אַז מענטשן, וואָס האָבן ליב זייערע אייגענע, זאָלן זיי העלפן מיט אַ וואָרט... וואָס דערמוטיקט און דעמאַסקירט אויך."

ובכן מענדעלע האָט, ווי אַלע גרויסע און אחריותפולע פאָלקס־שרייבער געהאַלטן פאַר זיין עטישן חוב דאָס פאַנאַנדערנעמען די פעלערן; ער האָט זיי אויפגעדעקט, ווייל ער האָט יידן ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן, דעמאַסקירט כדי צו דערמוטיקן צו היילן די הויקערס. צוגעבן דאַרף מען, אַז מילד איז ער טאַקע נישט געווען. זיינע ברילן, וואָס ער האָט געטראָגן, זיינען קיין ראָזעווע נישט געווען; זיין אויג — אַזוי שאַרף, אַז ער האָט דערזען די קלענסטע פּגימה אויפן פאָלקס־אָרגאַניזם. זיין שמייכל — שפּאָטיש, זיין וואָרט — סאַטיריש־שטראָפעריש; אָפט מאָל האָט ער געלאָזן אין גאַנג די גרוזמאַדיקע היפּערבאָליק, באַנוצט זיך אויך מיטן גראָטעסק, אָבער דאָס אַלץ איז געווען אַ מיטל אַראָפּצורייסן די פאַלשע מאַסקעס, און אַ סברה, אַז ס'האָט אויך געשטאַמט פון זיינער אַן אינערלעכער קינסטלערישער נטיה און געווען אין איינקלאַנג מיט זיין גאַנצן קינסטלערישן מהות. האָט דאָך מענדעלע געשריבן אין „ספר הזכרון": „... ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן לידער און די ערשטע פּרוכט געהייליקט צו גאָט — איז צו מיר געקומען דער שטן, דאָס איז דער אָפּשפּעטישער מלאך, וואָס געוועלטיקט איצט אין מיר אין דער געשטאַלט פון מענדעלע מוכר ספרים און האָט מיר אָנגערייצט אָפּצושפּעטן פון מענטשן און אַראָפּרייסן די מאַסקע פון זיי."

דאָס איז געזאָגט אויף מענדעלעס שטייגער. אין באַצוג צו זיך איז דער זיידע אויך בייסיק געווען. אָבער דער אמת איז, אַז אונדזער גרויסער שרייבער האָט דערפילט אין זיך אַ רוף, אַ מין שליחות אַראָפּצורייסן די מאַסקע פון צביעות און פאַלשקייט, צו אַנטבלויזן די הויקערס, אויפצודעקן די עוולות און אונטערדריקונג לגבי דעם פאָלק, אַזוי ווי מיר זעען דאָס ראשית כל אין דער „טאַקסע", אין דער „קליאַטשע." און ווי ברענענדיק־אַקטועל זיינען נאָך היינט אַ סך פון יענע עוולות און פאַרקריפּלונגען, וואָס מענדעלע האָט דעמאַסקירט מיט אַזוי פיל שפּאָט, סאַרקאַזם און גלייכצייטיק מיט אַחריות. צי שטייט זי אונדז נישט פאַר די אויגן די קליאַטשע אַ געפּלאָגטע, באַליידיקטע, אויף וועמענס רוקן מען וואַרפט אַרויף אַלע מאָל אַן אַנדער געפּעק?! געבליבן נאָך אַביסל סטרונעס אין ווידל, איז אָט ציפּט מען, אָט רייסט מען פון איר שטיקער.

ניין, זיידעניו, נישט אין דער בלאָטע ליגט זי, די שקאַפּע האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די פיס געוואָרן לייטישער, שוין נישט די אַלטע אויסגעקראָכענע פעל, אָבער „די פאַנסקע צאַפּעס און די טאַבונעס פערד" אויף דער גרינער לאָנקע האָבן זיך אויך אָנגעשלייערט אין אַן אַנדער פעל.

און אָט שפּרינגט אויף פאַר אונדזערע אויגן דער אַשמדאי. וואָס פאַר אַ מאָדערנער פּערסאָנאַזש: ער טראָגט שוין נישט דאָס רויטע מיצל מיט די פעדערן, האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ לייטישן לבוש און אַנשטאָט די ווילדע העוויות, מאַכט ער געלערנטע, דזשענטלמענערישע שטיק. און ווען די אָרעמע קליאַטשע פאַרטרויט זיך פאַר ישראַליקן, אַז איר קרוב און חבר איז איוב געווען, דערמאָנט זי, אַז דער שטן האָט דעמלט בלויז געקאָנט זיך נעמען צו איובס לייב, אין דער צייט ווען איצט וויל ער זיך דערקלייבן צו זיין נשמה אויך.

אָבער ניט דאָס בין איך אויסן.

„די טאַקסע" און „די קליאַטשע" פאַרנעמען נישט דעם אויבנאָן אין מענדעלעס שאַפונג. זיינע וויכטיקסטע ווערק זיינען „פישקע דער קרומער" און „דאָס ווינטשפינגערל" — דערנאָך מסתמא „מסעות בנימין השלישי" און „שלמה ר' חיימס." פאַר „פישקען" האָט מען אויסגעגאָסן אויף מענדעלען צומיינסטן גרימצאָרן. פאַר דער „שוואַרצער פאַרב", וואָס „אויסעקל קאָן דאָס גאָרנישט אַרויסרופן."

אמת, דער שיכט שוואַרצע פאַרב איז געדעמפּט, אָבער מען דאַרף נישט האָבן אַזאַ שטאַרק שאַרף אויג צו דערזען אויך די העלע פלעקן, וואָס האַקן זיך דאָ און דאָרט דורך. צווישן די אָן אַ שיעור קבצנים, אביונים, דלפנים, שלעפּערס, בטלנים, טעלערלעקערס, בעלי־טובות, רויטע ממזרים—אין דער טיפער מענטשלעכער בלאָטע ליגט דאָ און דאָרט פאַרשטעקט אַ שטיקל פאַרראָסטעט גאָלד, אַ בריליאַנטל, וואָס מען דאַרף קאָנען אויסגעפינען. אין אַ פאַרקריפּלטן גוף קאָן זיין אַ שיינע נשמה, וואָס שיינט נאָך העלער אין קאָנטראַסט צו דער העסלעכער פאַרקריפּלונג.

און ווידער רוקט זיך אָן אַ פאַרגלייך מיט גרויסע ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור. מיר באַגעגענען אָן אַ שיעור אַזעלכע ביישפּילן. היות אָבער ס'איז שוין אַמאָל געהאַט אָנגעוויזן געוואָרן — שלום עליכם האָט דאָס דערזען אפשר דער ערשטער—די קרובהשאַפט מיט וויקטאָר הוגאָ, איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אונדזער אָרעמער פישקע האָט געהאַט אַ ליטעראַרישן קרוב, אַן עלטערן פון אים — דעם הויקער קוואַזימאָדאָ פון „נאָטערדאַם פון פּאַריז." צווישן דעם אָפּפאַל פון ציגיינערבאַנדעס, בעטלער און דער אַרומיקער רישעות, דערשיינט דער קריפּל קוואַזימאָדאָ טאַקע ווי אַ בריליאַנט אין בלאָטע. כדאי אפשר אויך צו דערמאָנען דעם פּאַראַלעל, וואָס צייכנט זיך אָן צווישן פישקען און דער האָרבאַטער פון איין זייט און קוואַזימאָדאָ און דער פאַרפאָלגטער, פּאַריטומטער מיידל פון דער צווייטער זייט. אַן ענלעכע טיפע ליבע בליט אויף צווישן דעם מענטש, וואָס לאַכט מיט דעם צעשניטענעם, צעקאַליעטשעטן פּנים און דער בלינדער מיידל, הגם „דער מענטש וואָס לאַכט" איז דערשינען נאָך „פישקען".

דער אומגליקלעכער פישקע וואָלט פונקט ווי קוואַזימאָדאָ און „דער מענטש וואָס לאַכט," פאַר בתיהן דאָס לעבן אַוועקגעגעבן. ער דערפילט, אַז מיט איר איז ער מער ניט ווי אַ שטיין איינער אַליין אויף דער וועלט. און ווי דערהויבן און טיף מענטשלעך איז דאָס האָרבאַטע מיידל אין איר גרויסער ליבע! מענדעלע שילדערט זי דאָך אַזוי, אַז מיר זעען באַשיינפערלעך ווי „די גוטסקייט ליגט איר אויסגעשפּרייט אויפן פּנים."

סערוואַנטעס — דער גייסטיקער פאָטער פון בנימין השלישי — גאָגאָל, הוגאָ, זאָלאַ און כמה וכמה אַנדערע פאַרשידנאַרטיקע מייסטער פון דער ליטעראַטור, האָבן אונדז באַגייסטערט נישט נאָר מיט זייער קינסטלערישן כוח, נאָר אויך—אָפט מאָל מער— מיט זייער דרייסטקייט און געוואַגטקייט צו ווייזן און דעמאַסקירן די „דאָן קיכאָטישקייט", די צביעות און רישעות אָפּצודעקן די מענטשלעכע בלאָטע, די פינצטערניש, אין וועלכער עס קאָנען אויפשיינען שטערנדלעך. אמת, דער מין שרייבער איז היינט אַ זעלטנהייט, געוואַגטקייט איז אַ טייער אַרטיקל. ס'איז באַקוועמער און לייכטער זיך צו שלייכן אין דער ליטעראַטור, ווי סאַלאָנען־קעץ, פאָרזיכטיק, עפּעס נישט אומצואוואַרפן, עפּעס נישט צו פאַרטשעפּען.

דער זיידע, ר' מענדעלע, איז אָבער געגאַנגען מיטן וועג פון די געוואַגטע פאָרגייער און מיטצייטלער זיינע, מיטן וועג פון די גרויסע מייסטער אין דער ליטעראַטור. ער האָט אַזוי ווי אונדזערע אַמאָליקע נביאים, מיט שטראָפערישע ווערטער געוועקט דאָס פאָלק. און אויך אין דעם איז זיין גרויסקייט.

אברהם לעוו / גבעת השלושה, ישראל

# אַ דיאַלאָג אַזאַ

(אין היינטיקע טעג)

— אָ, טאַטע, זיי האָבן זיך ווידער באַוויזן.
מיט פינצטערע שנאה מלחמה פאַרגרייטן,
זיי שאַרפן שוין ווידער די גיפטיקע שפּיזן,
זיי רייסן זיך ווי בייזע הינט פון די קייטן.
הער צו, מלחמה־טרעוואָגע צעבלאָזן
און טאַנקען־געדודער
דאָרט רוישן אַרום.

— זיי זיכער, מיין קינד,
זיי וועלן צעלויפן ווי האָזן,
צעפליען ווי שטויב קעגן ווינט,
ווי נאָר דער לייב פון יהודה
וועט געבן אַ ברום.

— אוי טאַטע, ווי הונגעריקע וועלף
זיי קריצן מיט ציין אויף ישראל,
זיי צישען מיט גיפט און מיט גאַל.
די שעה שלאָגט באַלד צוועלף.

— זיי רואיק, מיין קינד,
פאַרשפּעטיקן וועט ניט דער גואל,
עס וועט ניט פאַרזאמען זיך צה"ל.
די קריגער ישראל'ס
זענען אַלע מאָל גרייט
און אַלץ צו דער צייט זיי פאַרגרייטן,
זיי ענטפערן טויט
צו די וואָס קומען אונדז טייטן.

— אַ שאָד אונדזער פאַרגאָסן בלוט פאַרן לאַנד,
אַ שאָד אויך דאָס בלוט פונעם צווייטן,
וואָס אונדזערע טאַנקן צעדריקט זיי...

— מיין קינד, זאָל דאַרן די בלוטיקע האַנט
פון מעכטיקן מערדער וואָס שיקט זיי...





ברכה קודלי

# פּאַסטאָראַל פון בעטהאָווען

עס שאַרט זיך געפּילפּול און שטיל
דורך געדיכטן וואַלד־שליאַך
אַן אימפּאָזאַנטע געשטאַלט:
בעטהאָווען שטעלט זיך אָפּ
לעבן אַן אַלטן ליפּע־בוים
אַ צעהעלטן אין זיינע צווייגן —
זיי דערקענען זיך איינער דעם צווייטן.

אַ וועלט פון טענער טוען זיך אַ מיש
אין געשפּאַנטן געמיט פון בעטהאָווען
און דער וואַלד איז פרילינגדיק און פריש.

שפּאַנט ער ווייטער
אין פרימאָרגנדיקער זון —
קומט ער צו אַ בוים,
וואָס האָט פון ראָזע בליטן
אויסגעפלאָכטן זיך אַ פּאַראַסאָל,
פאַרשמעקט אַזוי כישופדיק דער וואַלד,
אין בעטהאָווענס מחשבה
צעגליט אַזוי פריידיק די פּאַסטאָראַל.

קומען זינגענדיקע סטעזשקעס אים אַנטקעגן,
די גראָזן צערטלען זיינע טריט
מיט טויזנט טעמן,
אויף זייער תמימותדיקן לשון
וואָרקען אויס די טויבן
אַ שפּיל פון צווייג און זון און שאָטן
געפלאָכטן אין גראַמען.
פלאַטערן די פינגער ביי בעטהאָווען,
סטאַקאַטאָ קלאַנגען באַטאָנען

אייביקן אומקער פון סעזאָנען.

זינגט און לאַכט דער פרימאָרגן,
ס'גלעט אַ לייכטער ווינטל
בעטהאָווענס פּנים.

מיט קאָקעטישן הומאָר
פּאָרט אין אַ בריטשקע
אַ שעלמישע פּאָר,
מיט צעהעלטן קוראַזש
ער רוימט איר שטיל אין אויער אַ סוד:
אַז עמעץ שפּיגלט זיך אין זיי,
זיי שעפּטשען זיך, זיי לאַכן,
פון שליאַך קומען זיי אַנטקעגן
וואַלדיקע פּייזאַזשן,
אויפגעלייגט און געשפּאַנט —
זיי פרעגן זיך נאָך
אויף פּאָעטישע אימאַזשן.

ס'רופן מיט שאַרפן אַראָמאַט
די נאָדל־ביימער צווייגן,
שטיפערישע קלאַנגען פאַלן און שטייגן.

אין דער מחשבה פון בעטהאָווען
אַ טרוים צעהעלט,
ביי דעם מאַגנאָליאַ־בוים
צעלאַכט זיך אַ שטראָם פון ווייסע בליטן
מיט אַ פּאַסטאָראַל
וועט דער טרוימער
כישופדיקער זיין דורכגעשטראַלט.

## שלום עליכם צווייג פון יידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

מיר באַגריסן האַרציק דעם זשורנאַל „חשבון" צו דער דערשיינונג פון זיין יובילייַ נומער און מיר ווינטשן זיינע מיטאַרבעטער נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן.

ווילִיאַם אָרטענשטיין, סעקרעטאַר

שלמה סיימאָן / ניו־יאָרק

# שיר השירים —
## אין סתירה צו די ליבע-לידער פון אנעקרעאָן

אין חומש בראשית איז פאַראַן אַ מערקווערדיקער פסוק: „און יצחק האָט געבראַכט רבקהן אין זיין מוטערס געצעלט און ער האָט גענומען רבקהן און זי איז געוואָרן זיין ווייב, און ער האָט זי ליב געקראָגן (בראשית כד:סז). דער דאָזיקער פסוק איז פול מיט באַטייט און טראָגט אין זיך אַ גאַנצן וועלט־באַנעם. עס ווייזט אָן די יידישע שייכותדיקייט צו געשלעכט און ליבע. אַ מאָדערנער שרייבער וואָלט איבערגעדרייט דעם פסוק אויף אַזאַ אופן: „און יצחק האָט געבראַכט רבקהן אין זיין מוטערס געצעלט און ער האָט זי ליב געקראָגן, און זי איז געוואָרן זיין ווייב.” ער וואָלט באַטאָנט צוערשט די ליבע און דערנאָך די חתונה. ער וואָלט אַזוי געשריבן, ווייל אונדזער גאַנצע מאָדערנע באַציאונג צו דער פרוי און צו געשלעכט באַטאָנט אַלע מאָל די ראָמאַנטיק פון געשלעכט און איז אַ ירושה פון דער פאַגאַניסטישער גריכישער קולטור, וואָס האָט באַטאָנט געשלעכט אויסער דער ראַם פון עטיק. די הנאה און די עצם דערפאַרונג, האָבן זיך גערעכנט ביי זיי פאַר גרויסע דערפאַרונגען אין לעבן. די קורטיזאַנקעס און די יונגע ייִנגלעך פאַר משכב זכר זיינען געווען אַן איינגעשטעלטע אינסטיטוציע, איבערהויפּט ביי די הויך־געלערנטע און דעם רעגירער־קלאַס. אָבער יידישע טראַדיציע נאָך אין דער ביבלישער צייט, האָט עקזאַלטירט געשלעכט נאָר אין דער ראַם פון לאָיאַליטעט, צערטלעכקייט, איבערגעגעבנקייט און רעספּעקט פון מאַן צו דער פרוי און דער פרוי צום מאַן.

די דריי גרויסע פאַקטאָרן אין מענטשלעכן לעבן זיינען: שפּייז, געשלעכט און אַן אָפּדאַך — אַ וואוינונג. געשלעכט אָבער ווען עס ווערט אויפגענומען ווי נאָר צו צופרידנשטעלן די עמאָציאָנעלע גלוסטעניש, זעטיקן דאָס קערפּערלעכע נויטווענדיקייט, פאַרלאַנג אויסגעשלאָסן פון סאָציאַלער ראַם, וואָס שאַפט פאַר געשלעכט נאָר קיין עסטעטישע אַרומיקייט, יעמאָלט ווערט אָט־די דאָזיקע יסודיקע נויטווענדיקייט וואולגאַר און אפילו שעדלעך. ניין, אָפט צעשטערנדיק. יידישקייט האָט קיין מאָל ניט פאַרלייקנט די טרייבקראַפט און לעבנס־קראַפט פון געשלעכט, אָבער זי האָט עס סובלעמירט. עראָטישע ליבע, תאווה, געשלעכלעכע גלוסטעניש האָט זי פאַרוואַנדלט אין ליבע. אַ ליבע וואָס איז אַזוי שטאַרק, אַז עס ווערט דער „פלאַם פון גאָט.”

עס איז ניט קיין צופאַל, אַז דער גרויסער רבי עקיבא, וואָס פיל ווערט דערציילט וועגן זיין וואונדערלעכער ליבע צו זיין ווייב רחל, האָט געזאָגט: „קיין איין טאָג אין דער וועלט האָט אַזאַ ווערט ווי דער טאָג וואָס עס איז געגעבן געוואָרן שיר השירים, ווייל אַלע הייליקע ספרים (כתובים) זיינען הייליק אָבער שיר השירים איז הייליקייט פון הייליקייטן. (ידים, פרק ג׳, משנה ה׳). שיר השירים עקזאַלטירט ניט געשלעכט ווי אַ מאָמענטאַלן פאַרגעניגן, צו זעטיקן דאָס גלוסט. אין שיר השירים איז די ליבע פון דעם מאַן צו דער פרוי און פון דער פרוי צום מאַן אַ דערפאַרונג, וואָס נעמט אַרום דאָס גאַנצע לעבן פון דעם מענטשן. עס איז ניט קיין שפּיל אָדער צייט־פאַרטרייב:

„טו מיך אַרויף ווי אַ זיגל אויף דיין
האַרצן,
ווי אַ זיגל אויף דיין אָרעם,
ווייל שטאַרק ווי דער טויט איז
ליבשאַפט
גלוסטעניש איז ניט נאָכגעביק ווי דער
קבר.
אירע פלאַמען זיינען פלאַמען פייער,
אַ געטלעכער פלאַקער.
קיינע וואַסערן קאָנען ניט פאַרלעשן
די ליבשאַפט,
קיינע טייכן קאָנען זי ניט פאַרשווענקען.
ווען אַ מענטש זאָל אַוועקגעבן פאַר
ליבשאַפט
זיין גאַנצן פאַרמעגן, וואָס ער האָט,
וואָלט מען אים פאַרלאַכט מיט פאַראַכטונג.”
(שיר השירים ח:ו־ז).



ווען מען איגנאָרירט די ליבשאַפט קאָן מען פשוט שטאַרבן פון דער אַנטוישונג:

„איך האָב געעפנט פאַר מיין געליבטן,
אָבער מיין געליבטער איז פאַרשוואַונדן,
אַוועק,
מיין זעל איז אויסגעגאַנגען פאַר זיינעם
אַ וואָרט,
איך האָב אים אָבער ניט געקאָנט
געפינען.” (איביד: ה, ו)

זאָל דער לייענער מערקן, אַז דער אויסדרוק „נפשי יצאה בדברו”, איז דער זעלבער אויסדרוק אין חומש וואָס באַשרייבט די אַגאָניעס פון רחל איידער זי איז געשטאָרבן: „און עס איז געווען איידער זי איז געשטאָרבן האָט זי אים אַ נאָמען געגעבן בן-אוני” — „ויהי בצאת נפשה, כי מתה, ותקרא את שמו בן־אוני. (בראשית לה:יח). ווען דער געליבטער חמק, עבר — איז פאַרשוואונדן און איז אַוועק, האָט איר פאַרכאַפּט דעם אָטעם ביזן טויט.

די אַנטוישטע ליבשאַפט קאָן צעשטערן אַ מענטשן. אָבער ווען די ליבע ווערט רעאַליזירט, יעמאָלט איז עס דער גרעסטער גענוס:

„ווי שיין און זיס ביסטו
ליבשאַפט מיט דיין פאַרגעניגן.”
(דאָרט: ז, ז).

דאָס זאָגט דער מאַן וועגן זיין געליבטער. די געליבטע שטייט ניט אָפּ מיט איר צופרידנקייט:

„זיין גומען איז זיסקייט,
אין גאַנצן איז ער (איין) גלוסטיקייט.
דאָס איז מיין געליבטער,
און דאָס איז מיין פריינד,
טעכטער פון ירושלים.”
(דאָרט: ה:טז)

מיר דאַרפן געדענקען, אַז שיר השירים איז געשריבן געוואָרן אין אַ צייט פון פּאָליגאַמיע — אַ סך ווייבער. דאָך זינגט דער געליבטער וועגן לאָיאַליטעט, איבערגעגעבנקייט נאָר צו איינער. זי איז די אויסדערוויילטע, חוץ איר איז ניטאָ קיינער. ער איראָניזירט אפילו וועגן שלמה המלכס האַרעם:

„עס זיינען דאָ זעכציק מלכות
און אַכציק קעפּסווייבער,
יונגפרויען גאָר אָן אַ צאָל.
אָבער איינע איז מיין טייבעלע,
מיין ריינע און די איינציקע.”
(איביד: ח׳ און אַ שורה פון ט׳)

דער געליבטער רעדט ניט וועגן וויין און געזאַנג. ער איז פאַרשיכורט מיט זיין איבערגעגעבענע ליבע צו איינער און דאַרף ניט האָבן קיין אַנדער באַרוישונג.

אין קאָנטראַסט צו שיר השירים זיינען די ליבע־לידער פון דעם גריכישן פּאָעט אנאַקרייאָן, אָדער אנאַקרעאָן, וועלכער האָט געלעבט, לויט פאָרשער, כמעט אין דער זעלבער צייט, וואָס דער ספר שיר השירים איז קאַנאָניזירט געוואָרן. (זע ראַביי ראובן גאָרדיס: „דהי סאָנג אָוו סאָנגס,” ז. 24, און „שירי אנקריאַן” פון שאול טשערניכאָווסקי, אין דער הקדמה, זייט 5).

צו דער שיינער שולמית פון די בערג פון יהודה, צו אָט־דער שוואַרץ־חנוודיקער מיידל איז ליבשאַפט געווען אַ טראַגעדיע, ווייל זי ווייסט, אַז —

„שטאַרק ווי דער טויט איז ליבשאַפט,
גלוסטעניש איז ניט נאָכגעביק ווי דער
קבר.”

„אָבער ניט אַזוי נעמט אויף אַנאַקרעאָן די ליבשאַפט. ער האָט נאָר געוואוסט די פאַרגעניגנס פון ליבשאַפט. דערפאַר האָט ער ניט געקאָנט זאָגן, אַז דער גאָט פון אַ שווערן יאָך.” (טשערניכאָווסקי אין דער הקדמה). ווי אַזוי קען ביי אים זיין די ליבשאַפט צו אַ פרוי אַן ערנסטער ענין, ווען עס איז ביי אים געווען נאָר דאָס פאַרגעניגן פון געשלעכט, אָן קיין שום צוגעבונדנקייט. ער איז געווען אַזוי פאַרכאַפּט פון עראָטיק, אַז ער האָט ניט קיין צייט געהאַט צו פאַרליבן זיך. אין תוך איז עס פשוט זנות:

„אויב דו קאָנסט ווייסן ווי איבערציילן
די בלעטער אויף יעדער צווייג.
אויב דו קאָנסט אַ חשבון מאַכן
פון די זעמדלעך אין תהום,
וועל איך דיך פון אַלע מענטשן נעמען
פון מיינע ליבעס אַ רעכענונג מאַכן.
אין אַטענס צו ערשט אַ צוואַנציק,
שרייב אַראָפּ! דערנאָך פופצן מער

רעכן צו. דערצו אַ רעגימענט אַ גאַנצן פון קאָרינט מיינע מעטרעסעס.״
(עקסעפּטעד פּאָעמס, נומער 23. זע טשערניכאָווסקיס איבערזעצונג, ז. 49, אַביסל, אַן אַנדער נוסח).

אַז מען פירט „ליבעס״ מיט אַזוי פיל פרויען מוז עס זיין פאַרבונדן מיט אַ היפּשער מאָס שיכרות. זיינען טאַקע פאַראַן ביי אַנאַקרעאָנען אַ סך לידער צום ווייז און לידער פון ליבע, וויין און געזאַנג.

„מיין זעל האָט פיינט שטרייט,
קריגעריי, צאַנקעניש ביי אַ גלעזל וויין,
מיט שיין־אויגיקע מיידלעך,
איך וועל טאַנצן, שפּילן גיטאַר, זינגען,
ווי געלעבט אויף דער וועלט.
(טשערניכאָווסקי, שיר אנאקרעאן, זייט 66).

שיכורן, טאַנצן און זינגען שטייען ביי אים אויף איין מדרגה צו ליבשאַפט. אפשר גאָר אַ מיטל צו דערוועקן די תאווה, אָדער ליבשאַפט:

„ווייל מיר פרייען זיך מיט וויין,
דעם יונגן באַקוס וועלן מיר לויבן,
באַקוס האָט אונדז געלערנט טאַנצן,
ער איז גענייגט צו געזאַנג.
באַקוס לערנט אונדז צו ליבן, ווי צו שדכנען זיך.
ער איז אַ גלייכער צו עראָס און אַפראָדיטוס.
(זע די איבערזעצונג פון טאָמאַס סטענלי און טשערניכאָווסקיס איבערזעצונג, זייט 63).

וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט צום באַנעם פון ליבע אין שיר השירים! ניט נאָר איז די ליבשאַפט ערנסט, נאָר עס איז אויך ריין און תמימותדיק און ניט דער געליבטער און ניט די געליבטע טראַכטן פון פאַרבייטן זייערע געליבטע אויף אַן אַנדערן:

„אָבער איינע איז מיין טייבעלע,
מיין ריינע, מיין איינציקע!״

ביי דער געליבטער איז ליבשאַפט אַזוי הייליק, אַז ניט נאָר טאָר מען זיך מיט איר ניט שפּילן, נאָר מען טאָר זי ניט דערוועקן מיט קיינע קינסטלערישע מיטלען, און אַוודאי ניט מיט געזאַנג און טאַנץ:

„איך באַשווער אייך, טעכטער פון ירושלים,
ביי די הירשן, אָדער ביי די הינדן פון פעלד,
איר זאָלט ניט וועקן,
אָדער אָנרעגן צו ליבשאַפט,
ביז זי וועט באַגערן.״
(שיר השירים ב:ז)

לויט יידישן וועלט־באַנעם איז די ליבשאַפט צווישן מאַן און פרוי ניט נאָר אַ קוואַל פון גענוס און פאַרגעניגן, נאָר עס האָט אין זיך קדושה. זאָגט דער מדרש: „אַ מאַן קאָן ניט זיין אָן אַ פרוי און אַ פרוי קאָן ניט זיין אָן אַ מאַן; ווען זיי קומען זיך צונויף קאָן עס ניט זיין אָן דער שכינה.״ (בראשית רבה כב:ד). די גמרא זאָגט עס נאָך שאַרפער, אָבער איך מוז ברענגען דעם העברעאישן אָריגינאַל כדי דער דרוש זאָל זיין פאַרשטענדלעך: „דרש רבי עקיבא, איש ואשה — זכו שכינה ביניהן, לא זכו אש אוכלתן״ (סוטה יז, עמוד א): האָט געדרשנט רבי עקיבא: דאָס וואָרט מאַן אויף לשון קודש איז „איש״—אלף, יוד, שין. דאָס וואָרט פרוי אויף לשון קודש איז אשה — אַלף, שין, הא. ווען זיי האָבן זוכה געווען און געלעבט ערלעך, פאַרבינדט זיך דער יוד מיטן היי און עס ווערט „יה״ — גאָט. גאָט איז יעמאָלט צווישן זיי. אָבער ווען זיי האָבן ניט זוכה געווען, ווען זיי לעבן ניט ווי גאָט האָט געבאָטן, יעמאָלט באַהעפט זיך ניט דער יוד מיטן הא. ווערן ביידע ווערטער „אש״ פייער, אַ פייער פאַרצערט זיי. דאָ איז ניט געשלעכט סובלימירט געוואָרן צו ליבשאַפט, וואָס מינערט ניט דעם תענוג פון מין באַהעפטונג. אפשר נאָך אַ גרעסערער תענוג ווי צופעליקער פאַרקער מיט וועלכער עס איז פרוי.

יאָ. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אנאַקרעאָן באַשרייבט קיין מאָל ניט די פרויען מיט וועלכע ער האָט געהוליעט. עס איז אפילו ניטאָ ביי אנאקרעאָן קיין ספּעציעלע תאווה צו אַ ספּעציפישער פרוי. אים אַרט ניט ווער די פרוי איז, וואָס איז איר אויסזען, אבי נאָר זי איז מסכים צו איבערגעבן זיך צו אים און טרינקען וויין און לוסטיק מאַכן זיך מיט אים.

יידן האָבן סובלימירט דאָס עסן און געמאַכט דערפון אַ מאָלצייט. זיי האָבן דערהויבן דאָס עסן צו אַן עבודה צו גאָט. (וועגן דעם ענין אַן אַנדערש מאָל. זע יומא



אהודה רונת / תל־אביב

# צוויי לידער

## צום אָנדענק פון אַ געפאַלענעם

עס גיסט זיך נאָך דער דופט
פון דיינע זינגענדע טריט,
דיין בליאונג שיינט אויף די ווענט
און שוועבט אין לופט פון הויז,
און שוועל —
אים ווערסטו מער נישט איבערטרעטן.
בלאָנדזשען די פראַגן אויף דיין שיין
געזיכט אָן ענטפער.
דיין בלוט געצייכנט שטעגן
אויף דער ערד פון ירושלים.
איצט
אַלע פעלדער גרינען
אָן דיר.
אויף די ביימער שפּילט די זון
אָן דיר.
דער שטורעם פון דעם ים,
די ראָזעווקייט פון פרימאָרגן
אָן דיר.
נאָר דער צאַרטער בליק,
די ווייכקייט פון דיין שטים
הענגען
אין די ליידיקע טעג.

## איך וויל אַזוי וויסן

איך וויל אַזוי וויסן
וואָס שעפּטשען צו אייך די מלאכים
ווען איר רוט אין אייער ווייסער
שטיינערנער וועלט?
האָבן זיי אייך דערציילט
ווי לאַנג וועט זיך נאָך ציען דער וועג
פון אַראָפּגעלאָזטע פאָנען?
ווי לאַנג וועט די זון נישט זיין בכוח
פאַרברענען די שאַנד פון טייוולשער מאַכט?
און אפשר האָבן זיי אייך געבראַכט
אַביסל היילונג
צו אייער טאָג וואָס איז נאַכט?
האָבן מיט עפּעס באַצאָלט
פאַר צעריסענע סטרונעס?
איך וויל אַזוי איר זאָלט וויסן,
אַז אייערע גרויסע טעג
וואַנדערן אין אונדזערע קליינע נעכט,
און אייער נישט זיין וויינט
אין אַלע פריידן,
און אייער פאַרגליווערט בלוט
האָט הייסע טריט
אין אונדזער בלוט.

עה, עמ׳ ב; ברכות נה, עמ׳ א; בבא בתרא נז עמ׳ ב און נח עמ׳ א; און נאָך ערטער. דאָס איז פאַקטיש געווען די מחלוקה צווישן ישו הנוצרי און די פרושים וועגן וואַשן די הענט, וואָס איז אַ סימבאָלישע טבילה). יידישקייט האָט אויך סובלימירט געשלעכט צו ליבע, וואָס איז געשלעכט און נאָך מער. קיין וואונדער ניט, וואָס שיר השירים איז ניט נאָר אַריינגענומען געוואָרן אין די כתבי הקודש, נאָר איז אויך געוואָרן דער דיאַלאָג צווישן דער כנסת ישראל און דעם כביכול.

נאָכבאַמערקונג: די איבערזעצונג פון שיר השירים איז געמאַכט געוואָרן לויט דער ענגלישער איבערזעצונג און אויסטייטשונג פון ראַביי ראובן גאָרדיס „דהי סאָנג אָוו סאָנגס״, אַרויסגעגעבן פון דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין תרי״ב. די איבערזעצונג פון אנאַקרעאָנס לידער איז לויט דער איבערזעצונג פון שאול טשערניכאָווסקיס „שירי אנקריאן„ און דער ענגלישער איבערזעצונג פון טאָמאַס סטענלי. די אנאקרעאָן לידער זיינען איבערגעזעצט געוואָרן פון אַ סך דיכטער. מאָדנע איז וואָס עס איז דאָ אַזאַ גרויסער חילוק צווישן די איבערזעצונגען, אַז מען קאָן ניט דערקענען דאָס זעלבע ליד פון די איבערזעצונגען. לויט מיין מבינות איז שאול טשערניכאָווסקיס איבערזעצונג די בעסטע פון אַלע איבערזעצונגען.

י. ח. בילעצקי / ישראל

# אומרו*)

דער שטראָם אין דעם ים אַנטלויפט אין מרחקים,
כוואַליעס אין כוואַליעס ווערן פֿאַרשוואונדן.
אַ דיכטער ביי ברעגן קומט־אָן מיט זיין חלום
און קוקט ווי די שטערן האָבן הימלען געצונדן.

אין הפקר־געלאָף וואוהין רייסטו זיך שטראָם ?
הער ווי אין בערג דיינע אָפּהילכן רופן.
שטיי איך פֿאַרוואונדערט און קוק אויפֿן ים :
הימל און ערד אין שטראָם בגילופין.

שטיי איך פֿאַרוואונדערט, אַ וועלט מיט דמיוניות,
אויפֿן רוקנדל פון שטראָם — אַ טראָפּנדל קוועלט.
שניידט מען מיט גבורה אַריין אין חלום,
טרינקט זיך דער דמיון אין ימיקער וועלט.

וואוהין לויפסטו, אָ, שטראָם? — צו גאָלדענע שקיעות,
צו טייכן, צו ימים, און אפשר צו תהומען ?
ווער וויל דיך פֿאַרשלינגען, ווער וויל דיך צאַמען,
ווער קען אויסמעקן פון ימען דיין נאָמען ?

אַ שטראָם אין דעם ים אַנטלויפט אין מרחקים,
מיט אומרו און ציטער, מיט אימה און פיבער.
לויפט־נאָך דער חלום דעם שטראָם ווי אַ וויכער,
טוקט זיך די אימה אין כוואַליקע גריבער.

בלייב איך פֿאַרגאַפט אין דער בלויקייט אַרום,
דער דיכטער אַנטלויפט צו ווייטע פֿאַרטאָגן.
פֿאַרברודערט מיט רעגן, מיט שטורעם, מיט ווינט
וועל איך דעם אומרו פון שטראָמען דעריאָגן.

*) פ.ון דעם לידער־בוך „לידער צום מענטש,“ וואָס איז ערשט דערשינען.



י. אַדלער / פלאָרידע

# חבר מיינער

חבר מיינער:
עס קאָן זיין, אַז מיין
האַרץ איז קליין,
אָבער די וואונדן
זיינען גרויס —
גרעסער ווי פון גרעסטן
האַרץ.
גרויס און טיף.
טיפער ווי דער אומעט
פון מיינע אָפּגעלעבטע
יאָרן.
און אַלט זיינען די וואונדן
ווי מיין טרויער,
ווי מיין וויי,
ווי מיין ערשטע טרער.

חבר מיינער:
מיינע בלויע אויגן זיינען טויט.
דער חושך פון דער וועלט,
פון מיין וועלט, האָט זיי
פאַרלאָשן.
און דאָך, זע איך דורך זיי
אַ בליענדיקע וועלט,
אַ וועלט פון ליכט און פרייד
און געזאַנג.
אָבער די בליענדיקע וועלט
און די פרייד און דאָס
געזאַנג איז ווייט פון מיר,
ווייטער נאָך ווי דער ערשטער
טאָג פון מיין געבוירן,
ווייטער נאָך ווי מיין ערשטער
חלום,
וואָס זיין שאָטן איז ווייטער
נאָך ווי דער קלאַנג
און דאָס געזאַנג
פון מיין מאַמעס וויגן־ליד,
וואָס זי האָט אַמאָל פאַר
מיר געזונגען.

חבר מיינער:
איך בין מקנא די פליג,
וואָס לעבט בלויז איין איינציקן
זומערטאָג.
אָבער דער טאָג גייט אַוועק
ביי איר
אין פלאַטערן פון בלום צו בלום,
פון בוים צו בוים,
פון טרוים צו טרוים,
און ווען עס קומט די צייט
פון איר אונטערגאַנג,
זוכט זי אויס אַ ברענענדיקן
לאָמפּ און זי צאַנקט איר
לעבן אויס.
זי שטאַרבט מיט אַ ליכטיקן טויט.
אָבער איך — איך בין געבוירן
אין אַ שטיבל פון נויט,
מיין מוזיק איז געווען דער
מאַמעס קרעכץ, דעם טאַטנס
זיפץ.
און ווען מיין לעצטע שעה
וועט שלאָגן, וועלן ווינטן
נאָך מיר קדיש זאָגן ..

☆ ☆ ☆

נח גאָלדבערג

# דרשה־געשאַנק
(דערציילונג)

אין אַ ווינטערדיקן שבת־צו־נאַכט איז בערע, דער סטאָלער, אַ הויכער און דאַרער ייד, מיט אַ גערינצלט פּנים און לאַנגער, ווייסער באָרד, געקומען פון שול אַ דורכגענומענער פון פראָסט און הונגער. פּאַמעלעך האָט ער געעפנט די טיר פון זיין שטיבל און דערפילט ווי די אַרומיקע פוסטקייט האָט אים ווידער אַדורכגענומען און אַ קלעם געגעבן ביים האַרצן.

נאָך באַלד האָט ער אויפגעזוכט אַ שוועבעלע און אָנגעצונדן דאָס לעמפּל מיטן פאַרקאָפּטשעטן גלעזל, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון דערמיטן סטעלע אויף אַ געפלאָכטענעם דראָט. דער געלבלעכער שיין האָט אים אַ שניט געטאָן אין די וואַסערדיקע אויגן. דער שאָטן פון ר' בערעס הויכער פיגור איז מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן צוויי מאָל אַזוי די לענג ווי אין דער אמתן. אַ האַלבער גוף האָט זיך אַ וואַלגער געטאָן אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, דער אַנדער האַלבער — אויפן נידעריקן סופיט, אָנגעשלאָגן זיך מיטן קאָפּ אַזש אין דער צווייטער וואַנט און איז דאָרטן געבליבן הענגען אַזאַ באַוועגלאָזער, אומעטיקער און שטילער, ווי דער באַלעבאָס זיינער.

נאָכן אָפּמאַכן הבדלה האָט ר' בערע אַריינגעלייגט אין אויוון אַ פּאָר שייטלעך האָלץ, צו זיי — צוגערוקט אַ ביסל טרוקענע שפּענדלעך און אָנגעצונדן. ביז דאָס האָט זיך צעברענט, דערווײַלע אָפּגעשיילט עטלעכע קאַרטאָפל, זיי אָפּגעוואַשן, צעשניטן אויף דינע רעדעלעך, אַריינגעלייגט אין אַ ליימענעם טעפּל, אָנגעגאָסן וואַסער און צוגעשטעלט קאָכן אַ בולבעיויך, מיט אַ שטיקל טוקעווען שמאַלץ.

ווען דאָס געקעכץ איז פאַרטיק געוואָרן און איבערן שטיבל האָט פאַרשמעקט מיט וואַרעמער אכילה, האָט דאָס ר' בערע אַריינגעטאָן אין אַ טיפער, הילצערנער שיסל, געוואַשן זיך די הענט און גענומען זיך צו דער סעודה.

אָבער דאָס עסן איז אים פאָרט נישט איינגעגאַנגען. צווישן איין שלונג און דעם אַנדערן האָבן אים אין די אויערן אָנגעהויבן קלינגען דעם רבס רייד, וואָס האָט באַלד נאָך מעריב געזאָגט, אַז „היינט וועט די שטאָט אויסגעבן באַשקע די יתומה פאַר איטשקע דעם לאָמען אונטערשמייסער,“ וואָס איז אין דער פרי צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אויפגערופן געוואָרן צו דער הפטורה.

און ר' בערע האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז דער רב פון שול האָט זיך נישט גערעכנט מיט דעם וואָס איטשקע דער לאָמער האָט נישט געקענט מאַכן די ברכות ווי ס'געהער צו זיין. דער רב אַליין איז אַרויף אויף דער בימה באַלד נאָך מעריב און געזאָגט צום עולם:

„אויב אין שטאָט געפינען זיך צוויי קיילעכדיקע יתומים, דאַרפן זיי זיין פאַררעכנט ביי אַלעמען ווי אייגענע קינדער. און אַזוי ווי מיר גיבן זיי היינט אויס, איז אַ גרויסע מצוה אַז יעדער ייד זאָל זיי קומען צו הילף מיט וואָס איינער קען.“

אַ היפּשע ווײַלע איז ר' בערע דער סטאָלער געזעסן איבער דער שיסל בולבעיויך און דער קאָפּ האָט זיך אים געשפּאָלטן אויף שטיקער. אויך ער האָט געוואָלט באַהילפיק זיין די אָרעמע חתן־כלה, ברענגען כאָטש עפּעס אַ שטיקל דרשה־געשאַנק און נישט געהאַט וואָס.

דער לעצטער געדאַנק האָט אָפּגעטויט זיין אַפּעטיט צום עסן. האָט ער אַוועקגעלייגט דעם לעפל, מיט זיינע שטאַרע אויגן אַרומגעקוקט זיך איבערן שטיבל און געטראַכט: אפשר אַוועקפירן אַהין די האַרטע קאַנאַפּע, צי דאָס טישל, אָדער טובאַרעטקע? און באַלד געכאַפּט זיך, אַז ס'טויג נישט. מחמת ער אַליין וועט דאָך נישט האָבן אויף וואָס צו שלאָפן, אויף וואָס צו זיצן, כדי צו קענען אַרייַנקוקן כאָטש אין אַ קאַפּיטל תהילים.

אָבער מיט אַ מאָל איז זיין בליק געפאַלן אויפן אַלמער, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און געפּוסטעוועט. אין ר' בערעס מוטנע אויגן האָבן זיך פּלוצים צוויי פייערלעך צעפלעמלט. די בלאַסע באַקן, וואָס האָבן זיך קוים אַרויסגעזען פון דער ברייט און לענג צעוואַקסענער



ווייסער באָרד, זיינען, דוכט זיך, באַפאַרבט געוואָרן מיט אַ רויטלעכער פאַרב.

איז ער ראַפּטאָם אויפגעשטאַנען פון טובאַרעטקע, צוגעגאַנגען צום אַלמער, מיט ציטער אין די פינגער געגלעט דעם אַלטן פּאָליטור אויף אים. ר' בערע האָט זיך געוואָלט איבערצייגן צי דער אַלמער שטייט נאָך אויף אַלע פיר פיסלעך — האָט אים אַ טרייסל געטאָן. דערנאָך אַ צופרידענער צעפראַלט די צווייענדיקע טירלעך און אין פּנים האָבן אים אַ שפּאַר געטאָן די הענגערס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אויסגעבויגענע פינגער מיט די נעגל אויף אַרויף.

אין אַ ווינקל אַלמער איז אויף איין „פינגער“ נאָך געהאַנגען זיין ווייבס אַן אַלטער, אָפּגעקראָכענער מאַנטל און דערביי — אַ וואַרעמע פאַטשיילקע, וואָס איז פאַרבליבן ווי אַ זכר פון די אַמאָליקע יאָרן, ווען דער אַלמער איז געווען אָנגעפילט מיט רייזעלעס בלוזקעס, קליידלעך און מאַנטלען. אויך זיין אַטלעסענער סורטוק, וואָס זי האָט אים געלאָזט אויפנייען צו דער חתונה, מיטן שוואַרצן פּאַלטאָ, זיינען אַלע מאָל געהאַנגען נעבן אירע קליידער אַזעלכע ריינע, אָפּגעפּולעטע, און דערציילט פון אַ גליקלעכן צוזאַמענלעבן.

פון דער דערינערונג האָבן זיך ביי ר' בערען אין די אויגן געשטעלט טרערן. האָט ער אַרויסגענומען רייזעלעס קליידל, אויפגעהאָנגען אויף אַ טשוואָק אין וואַנט אַנטקעגן זיין קאַנאַפּע, אַז ער זאָל אָפּט קענען קוקן אויף דעם. מיט דער פאַטשיילקע אַרומגעבונדן זיך דעם האַלדז, האָט ער צוריק פאַרמאַכט די טירלעך פון אַלמער און אין אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן.

פונעם שטעלכל האָט ער דערנאָך אַרויסגעפירט דעם שליטל, אים צוגעשלעפּט צום גאַניק פון שטיבל, אַריין אינעווייניק, קוים מיט צרות אַרויסגעטראָגן פון דאָרטן דעם אַלמער, פאַרזיכטיק אַוועקגעלייגט אויפן שליטל, אים איינגעבונדן מיט שטריק. נאָכדעם אָנגעטאָן דעם פאַרלאַטעטן פּאַלטאָ, אַראָפּגעצויגן די קוטשמע ביז איבער די אויערן, פאַרוואָרפן די שטריק פון שליטל צו זיך אויף די אַקסלען, אַ שטאַרקן צי געגעבן, און דער אַלמער האָט זיך גערירט פון אָרט, ווי דער אָרון ביי אַ שטילער לוויה.

פון ר' בערעס שטיבל ביז דעם רבס הויז, וואו מען האָט איצט געפּראַוועט די חתונה, איז דער וועג געלאָפן אַ באַרגאַרויפיקער, אַ שווערער. איז דער אַלטער ייד געגאַנגען פּאַמעלעך, מיט די לעצטע כוחות געשלעפּט דעם שליטל, און מיט אַ מאָל האָט זיך זיין גאַנצער לעבן אַדורכגעטראָגן פאַר די אויגן.

אָט איז ער נאָך גאָר אַ יונגערמאַן פון קאַרגע דריי און צוואַנציק יאָר, וואָס איז ערשט געוואָרן אַ חתן און געאַרבעט ביי ר' חנן די באָרד אין מאַסטערסקאַיע. נאָר די לעצטע עטלעכע חדשים האָט ער ביז שפּעט אין די נעכט געמייסטרעוועט פאַר זיך אַליין דאָ אַ טיש, דאָ צוויי בעטן, אַ בופעט, פיר שטולן און אַ דעמבענע קאַנאַפּע.

ביז צו דער חתונה האָט ער דערווייל די פאַרטיקע שטיקער מעבל אַריינגעשטעלט צו זיין כלהס עלטערן אין גרויסן אַלקער, און יעדעס מאָל ווען ער האָט אַהין געבראַכט אַ נייע זאַך, האָט ער זי געפרעגט:

„נו, רייזעלע, ווי געפעלט דאָס דיר?“

אַ שיין געוויקסיק מיידל, מיט אַן אָליווער הויט אויף איר אײדל שוואַרץ־חנעוודיקן פּנים, לאַנגע שוואַרצע צעפּ, מיט געדיכטע ווייעס אַרום די טיפע, ברוינע אויגן, פלעגט רייזעלע שטענדיק שטיין בלייבן אַ פאַרשעמטע און מיט אַראָפּגעלאָזטע בליקן צום דיל ענטפערן:

„ס'איז זייער שיין... דער טאַטע מיט דער מאַמען זאָגן, אַז דו האָסט גאָלדענע הענט...“

פון איר וואַרעמען אָטעם און איבערהויפּט — פון דעם רייצנדיקן שמייכל, וואָס האָט זיך צעוויגט אויף אירע פולע, רויטע ליפּלעך, איז בערע דעמאָלט אַ פריילעכער אַרומגעגאַנגען אַרום די שטיקער מעבל, און אַרום רייזעלען, ווי אַ גאַלאַגאַנסקער האָן אַרום אַ „נאָוואַטנער“ הון פאַרן פּאַקן זי, און מיט זיינע געזונטע הענט, וואָס האָבן אַלע מאָל אויסגעזען ווי צוויי דעמבענע לאָפּעטעס, האָט זי דער חתן געוואָלט אַרומנעמען און געבן אַזאַ מין דריק צו זיך, אַז ער זאָל דערפילן ווי אירע ביינדלעך טרעשטשען אונטער איר צאַרטער, מיידלשער הויט, אָבער גראָד איז פון אונטער דער ערד אַלע מאָל אויסגעוואַקסן איר מאַמע דערנעבן און כלו־

מרשט אַ שטרענגע אָנגעשריגן אויף אים:

„וואָס איז, בערע? גייסט גאָר נישט צו דער אַרבעט?.. וואָס פּאַטערסטו צייט אויף גאָרנישט, אַ? אַז דו ביסט דאָך שוין אַ חתן און פירסט זיך נאָך אויף ווי אַ ייִנגל!...“

פאַרן וואָרט „חתן“ האָט זיך בערע פאַרשעמט. די שפּיצן אויערן האָבן זיך אים אָנגעצונדן ווי אַ העליש פייער. איז שוין זיין רעכטע האַנט צוריקגעפאַלן פון רייזעלעס דינער טאַליע. אַ זודיקע האָט זי אָנגעכאַפּט די קאַלטע קליאַמקע פון דער דרויסנדיקער טיר. אויף אַ רגע האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ, מיט דער צעפּאַטלטער טשופּרינע צו זיין כלה, און געזאָגט:

„וואַרט, רייזעלע, וועסט נאָך זען וואָס פאַר אַן אַלמער איך וועל דיר מאַכן!...“

אויף דעם האָט זי אים נישט געענטפערט. אויך זי איז נישט צופרידן געווען וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו אַרומנעמען זי אין צייט, איידער די מאַמע איז אָנגעקומען אין סאַלע. דעריבער האָט זי אים איצט בלויז צוגעוואָרפן אַזאַ צוזאָגנדיקן בליק, אַז דעם גאַנצן וועג צו דער מאַסטערסקאַיע — איז ער געגאַנגען ווי אויף אויסגעבעטע פּערענעס און אפילו נישט געפילט דעם באָדן אונטער די פּאָדעשוועס.

בערע האָט געהאַלטן וואָרט. אין איינעם אַ דאָנערשטאָג אין דער פרי האָט ער פון דער נאָענטער „ליעסאָפּילנע“ געבראַכט ליפּאָווע ברעטער, וואָס האָבן מיט זייער ליפּע־אַראָמאַט צעוויגט און פאַרכישופט די שווערע לופט אין „מאַסטערסקאַיע.“ דערנאָך האָט ער אָנגעטאָן דעם פאַרטוך, צעשניטן די ברעטער אויף זייטלעך, טירן, פּראָנטן, דעקן, אַ וואַנט און קאַרניזן, און ער האָט אָנגעהויבן אָפּצוהובלעווען די שאָרסטקע הויט פון זיי.

איינע נאָך דער אַנדערער האָט ער אַרויפגעלייגט אַ ברעט נאָך אַ ברעט אויפן ברייטן ווערקשטאַט און פונעם הובל האָבן זיך אַרויסגעשלענגלט לאַנגע געקרייזלטע סטרוזשקעס, וואָס האָבן נאָך אַ היפּשע צייט געשמעקט מיט כלה־פרישקייט, מיט יונגע ליפּע, און הכנעהדיק געפאַלן צום סטאָלערס פיס.

אַז די אויבערשטע הויט איז שוין געווען גאַנץ גלאַטיק, האָט דער יונגער סטאָלער אָנגעשאַרפט און אָנגעשטעלט דעם „דובולט“ און דערמיט אַרויסגעכישופט פונעם האָלץ גלייכע, „זיידענע לענטעס“, וואָס האָבן זיך קוים־קוים געשרויפלט צו דער ערד, ווי די זיידענע סטרוזשקעס וואָלטן זיך נישט געוואָלט שיידן, נישט מיט די ברעטער און נישט מיטן זינגענדיקן „דובולט“, וועלכער האָט זיי אָפּגעשיילט פונעם האָלץ.

אין די ברעטער, וואָס בערע האָט באַשטימט אויף זייטלעך און דעקן, האָט ער מיט אַ שמאָל און דין־ציינעוודיק זעגעלע אויסגעשיפּעט „ציינער“ מיט „מיילער.“ נאָכדעם אויסגעפּרובירט צי זיי פּאַסן זיך אַריין איינס אין אַנדערן, און אַ צופרידענער אַוועקגעשטעלט זיך אויפקאָכן אַ געדיכטן סטאָליאַרסקן קלעי.

דערווייל האָט זיין פריינד, הערשל, „די דלאָטע“, וואָס האָט געאַרבעט ביים צווייטן ווערקשטאַט, ממזריש פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג, בגנבה געקוקט אויף בערעס פאַרשוויצטן פּנים, אויף די פריש אָפּגעהובלעוועטע ברעטער, און אַ פריילעכער אָנגעהויבן זינגען:

<br>איין דיינע אויגן, רייזעלע,
<br>ברענט אַ פרומער פייער!
<br>ברענט אַ פרומער פייער!
<br>גיב־זשע מיר דיין הענטעלע,
<br>וואָס איז מיר אַזוי טייער!
<br>גיב־זשע מיר דיין הענטעלע,
<br>וואָס איז מיר אַזוי טייער!

אַפּריער האָט בערע געשמייכלט. עס האָט אים הנאה געטאָן וואָס זיין פריינט איז אים מקנא הלמאי ער איז שוין געוואָרן אַ חתן און יענער נאָך נישט. אָבער ווען הערשל האָט דאָס לידל איבערגעחזרט עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד, האָט זיך בערע דערפון אָנגעברוגזט. נאָר זאָגן עפּעס האָט אים איצט נישט געפּאַסט, נישט געוואָלט אַרויסווייזן אַז דאָס אַרט אים צו שטאַרק, און נאָך עקשנותדיקער געפירט דעם „פוגאַנעק“ איבער די קאַנטן. דערנאָך אַרויפגעשטעלט אַ קאַנט אויף אַ קאַנט, פאַרזשמורעט אַן אויג, געוואָלט זען צי די קאַנטן זיינען אַרויסגעקומען גלייכע, צי עס איז נישטאָ קיין בערגעלעך, מיט גריבער אין זיי, און אָנגעהויבן צוזאַמענקלייען דעם אַלמער, וואָס ער האָט צוגעזאָגט רייזעלען אַ מתנה.

ווען דער סקעלעט פונעם אַלמער איז שוין געשטאַנען אַן אַרומגעכאַפּטער מיט



אייזערנע פּרעסעס, האָט בערע דערווייל אויפגעמאַכט צוויי קליינע שופלאָדן און אַריינגעפּאַסט זיי אין די אונטערשטע עפענונגען. אין דער מיט פון די טירן — אַרויפגעקלייעט צוויי אויסגעשניצטע, קייַלעכדיקע „קנעפּ“, וואָס האָבן אויסגעזען ווי צוויי פּורימדיקע קויליטשן, און צוגעגעבן דעם אַלמער מער מאַסיווקייט און ייִדישן חן.

אַ פּאָר טעג האָט ער דעם אַלמער געשלייפט מיט גראָבן און נאָך דעם מיט גאָר דינעם גלאָז־פּאַפּיר. און ווען בערע האָט אונטער די פינגער דערפילט די סאַמעטענע גלאַטקייט פונעם האָלץ, וואָס האָט געגלעט דאָס האַרץ, האָט ער דעם אַלמער „אָפּגעבייצט“ אויף אַ ברוינלעכן קאָליר, מיט שטיקער זעק און שמאַטעס דאָס גוט אויסגעווישט און גענומען זיך צום פּאָליטורן.

פאַרשטייט זיך, אַז רייזעלען אַ מתנה, האָט דער סטאָליאַרסקער חתן נישט געשפּאָרט קיין מי, און דעם אַלמער פּאָליטורט אַזוי לאַנג ביז דער פּאָרנט מיט די זייטלעך האָבן זיך צעגלאַנצט ווי אויפגעשליפענע שפּיגלען, און אָפּגעשפּיגלט בערעס לענגלעכן פּנים, די שאַרפע נאָז און די פינקלדיקע, שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן איצט אויסגעזען ווי די אויגן ביי אַ יונגן, געזונטן בוהאַי, ווען ער דערזעט פון וויטן די ערשטע בהמה פון זיין טשערעדע.

אויף מאָרגן נאָך דער חתונה האָט רייזעלע גענומען זיין נייעם סורטוק, וואָס זי האָט געלאָזט אויפנייען פאַר אים, דעם שוואַרצן פּאַלטאָ, און אַרויפגעהאַנגען אויף די אויסגעבויגענע „פינגער“ אין אַלמער. זי האָט זיך אַרומגעקוקט צי קיינער באַמערקט נישט און אַפּריער לאַנג געגלעט די לאַנגע אַרבל פון סורטוק. דערנאָך זיי אַרומגעוויקלט אַרום איר שמאָלער טאַליע און, דוכט זיך, דערפילט דעם זעלביקן ציטער און וואַרעמקייט איבערן גאַנצן לייב, ווי די אַרבל וואָלטן איצט נישט געווען קיין פּוסטע, נאָר בערעס קרעפּטיקע און דאָך איידעלע הענט.

אַ פאַרשעמטע האָט זי זיך באַלד אָפּגעריסן פונעם סורטוק, אויף גיך אָנגעהויבן אַריינהענגען אירע אייגענע קליידער, און איז געווען צופרידן וואָס דער אַלמער איז אַזאַ שיינער און גראַמער.

די צייט איז דערווייל נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט. איין פּסח האָט געיאָגט דעם אַנדערן. איין ראש־השנה דעם צווייטן. די ערשטע עטלעכע יאָר האָט בערען מיט רייזעלען כמעט נישט געאַרט וואָס זיי האָבן קיין קינדער נישט געהאַט. יונגע, געזונטע, זאָרגלאָזע און פריילעכע, זיינען זיי געווען פאַרנומען מיט זיך אַליין און נישט געטראַכט דערפון וואָס וועט זיין.

נאָר מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער, ווען בערען האָט מען שוין פון לאַנג גערופן „ר' בערע“ און די לאַנגע באָרד זיינע איז דורכגעוועבט געוואָרן מיט אומצאָליקע ווייסע פּעדים, און אויף רייזעלעס אַמאָליקן שיין פּנימל האָט זיך אויסגעלייגט אַ קאַרב נאָך אַ קאַרב און אויסגעזען ווי אַ צעאַקערט פעלד, זיינען די געעלטערטע מאַן און ווייב אָפט געבליבן זיצן ביים טיש — אומעטיקע, דערשלאָגענע, און נישט געהאַט שוין דאָס האַרץ צו ריידן וועגן דעם, אָדער חלילה אויפוואַרפן איינער דעם אַנדערן הלמאי זיי האָבן נישט באַוויזן צו ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט.

מיט זייער עלטערן זיך האָט זיך אויך דער אַלמער געעלטערט. ער איז געוואָרן געזעצטער אויף די קורצע פיסלעך. די לייסטלעך און קאַרניזן — אָפּגעשפּרונגען אין אייניקע ערטער. אָבער דער פּאָליטור אויף אים איז געבליבן כמעט ווי געווען: לויטער און טיף, און נישט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז קוקנדיק אינעם גלאַנציקן פּאָליטור, האָט ר' בערע אַרומגעצופּט זיך אַ ביסל די באָרד מיטן שערל.

אין מאַסטערסקאַיע איז שוין ר' בערע לאַנג נישט געגאַנגען. צוליב זיין עלטער און שוואַכן געזונט, האָט אים קיינער מער נישט געוואָלט נעמען צו דער אַרבעט. און ווען אין שטיבל האָט אָנגעהויבן אויספעלן אַ שטיקל ברויט, האָט ער ביי זיך אין שטעלכל צונויפגעשלאָגן אַ „ווערקשטאַט“ און פון צייט צו צייט געמאַכט אַ טישל, אַ טובאַרעטקע, און איבערהויפּט האָט ער זיך פיל אָפּגעגעבן מיט מאַכן קינדערשע וויגעלעך, וואָס ער פלעגט אַוועקטראָגן אויפן מאַרק צו פאַרקויפן.

מעגלעך, אַז אַזוי וואָלט ער אפשר מיטן ווייב ווי עס איז דערשלעפּט די לעצטע עטלעכע יאָר. נאָר אין איינעם אַ ביינאַכט האָט זיך רייזל אַריינגעלייגט אין בעט,

מ. גיציס / שיקאַגע

## מיין וועלט*)

זי איז אַזוי קליין די וועלט מיינע —
און דער קרעכץ פון אַ פאָלק
איז ווי אַ ווינטעלע אויפן ים.
פון מזרח ביז מערב איז בלויז אַ בליק,
פון דרום ביז צפון — בלויז אַ שפאַן.
אין די כמאַרעס ליגן איצט די שליאַכן מיינע,
עלברוס און סיערא בלאַנקאָ — בערגלעך אונטער מיינע פיס;
און ווען אַ הערשער דאָ און דאָרטן טוט אַ ניס,
צעטראָגט עס זיך גלייכצייטיק
אין ניו־יאָרק, שאַנכאַי, פאַריז — — — —
זי איז אַזוי קליין די וועלט מיינע —
און דער קרעכץ פון אַ פאָלק
איז ווי אַ ווינטעלע אויפן ים.
דאָס האַרץ פון מענטשהייט רשעותדיק און קאַרג,
דער פירער פון דער וועלט — דער כאַם.

*) פון דעם בוך „לידער", וואָס וועט בקרוב דערשיינען. די לידער פון מ. גיציס זיינען געווען געדרוקט אין פאַרשיידענע צייטשריפטן אונטערן פסעוודאָנים ישראל.

אַ ווײַלע געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן, דערנאָך צוגערופן איר מאַן און מיט פרומער שולדיקייט אין כריפלען קול געזאָגט:

„זיי מיר מוחל, בערע, וואָס איך האָב דיר קיין קדיש נישט געגעבן." און זי איז אין דער זעלבער נאַכט אַוועק פון דער וועלט אַזאַ צאַרטע, איידעלע און שטילע ווי ביים לעבן.

ר׳ בערע האָט דעמאָלט געוואָלט וויינען און שרייען: „רייזל! אויף וועמען לאָזטו מיך איבער?!" נאָר אַלץ איז אים מיט אַ מאָל פאַרגליווערט געוואָרן און ער האָט אפילו נישט געקענט אַרויסברענגען קיין איינצלנע זילבע אויף די ציטערדיקע ליפן.

פון דעמאָלסט אָן איז ר׳ בערע געבליבן איינער אַליין אין דעם פוסט־געוואָרענעם שטיבל און האָט שוין מער קיין חשק נישט געהאַט אַריינגיין אין שטעלכל צו מאַכן אַ שטיקל מעבל. און ווען דער הונגער האָט אים אַ פאַק געטאָן, האָט ער אַפריער פאַרקויפט דעם בופעט, די צוויי בעטן, און צולעצט: ביי אַ וואָכערניק פאַרזעצט רייזעלעס לייכטער, און ער האָט דערפילט, אַז מיטן אַוועקגיין פון רייזעלעס לייכטער איז אין ערגעץ אַוועקגעגאַנגען זיין גאַנץ לעבן און וועט זיך שוין קיין מאָל נישט אומקערן אויף צוריק.

און איצט? דער ווינטערדיקער הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ נידעריקער און נידעריקער צו דער ערד, אַראָפּגעוואָרפן פון דאָרטן דינע, יונגע פוכלעך שניי, וואָס האָבן זיך אויף אַ רגע אַוועקגעזעצט אָפּרוען ביים אַלטן יידן אויף די צעשויבערטע ברעמען, אויף גיך צעשמאָלצן זיך, און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קיילעכדיקע, מענטשלעכע טרערן, וואָס האָבן אַראָפּגערונען אין די וואָנצעס, אין באָרד, און דאָרט איינגעפרוירן.

די פינצטערע גאַסן, די דעכער פון די הייזער און די פאַרקאַנעס, די ביימער פאַר יעדן שטוב און שטיבל — אַלץ איז איינגעדעקט געוואָרן מיט אַ שנייאיקן ליילעך. און דער אַלטער און הויכער ר׳ בערע האָט זיך מיט אַ מאָל ווי אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל, פונקט ווי ער וואָלט איצט אויף זיין שליטל גאָר נישט געפירט רייזעלעס אַלמער צו אַ נייער כלה, וואָס דאַרף ערשט אָנהייבן דעם וועג פון אַ בשר־ודם, נאָר ווי ער וואָלט גאָר געגאַנגען ערב יום־כיפור אין שול דאַווענען.



# שרייבער און ביכער

ישראל עמיאָט / ראָטשעסטער, ניו־יאָרק

## אהרן ציטלינס מאָנומענטאַל ווערק, „די אַנדערע עקזיסטענץ"

אהרן ציטלין: „המציאות האחרת", הוצאת „יבנה", תל אביב, תשכ"ז.

דער נאָמען פון אהרן צייטלין איז גוט באַקאַנט, שוין לאַנגע יאָרן, פאַר יעדן איינעם וואָס לייענט די יידישע און העברעאישע ליטעראַטורן. צו זאָגן „ברא כרעה דאביה," אַז דאָס עפּעלע, הייסט עס, פאַלט נישט ווייט פון בוים, אַז ער איז דער זון פון זיין גרויסן פאָטער, ר׳ הלל צייטלין ז"ל, דער באַרימטער פילאָזאָף, דענקער, קבלה־קענער און עסייאיסט — וואָס איז מיט אַזאַ הייליקייט אומגעקומען אויף קידוש השם—צו זאָגן דאָס, איז ווייניק. אהרן צייטלין שטייגט אין געוויסע פרטים איבער זיין פאָטער. ער איז אַ גרויסער פּאָעט דערצו, און איז באַשאָנקען מיט אַזאַ גרויס וויסן אויף אַלע געביטן, וואָס מ׳וואָלט געקענט פאַנאַנדערטיילן צווישן אַ צענדליק פּראָפעסאָרן.

אויף אים איז אָנגעמאָסטן דער אַלטער טראַדיציאָנעלער טיטול: „כל רז לא אניס לו", נישטאָ אַיין געביט פון דער וויסנשאַפט, וואָס זאָל אים נישט זיין גרינטלעך באַקאַנט. איבער פערציק יאָר ווי איך פאָלג נאָך זיין שאַפן אין העברעאיש און יידיש, פון אַ ליד זיינס אין די אַמאָליקע „ליטעראַרישע בלעטער", זיינע דראַמאַטישע פּאָעמעס און עסייען אין „גלאָבוס", זיינע פּרעכטיקע עסייען, לידער און איבערזעצונגען אין "התקופה" (פון וועלכער ער איז שפּעטער געוואָרן מיט־רעדאַקטאָר), אין „מקלט", „בצרון" און „מאזנים" און אין „דבר", אין „הדואר" און אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל", וואו ער איז דער וועכנטלעכער קאָלומניסט—און איך בלייב שטיין פאַרוואונדערט פאַר דעם דאָזיקן פענאָמען, אַ פענאָמען וואָס גייט אַוועק צו די צייטן פון געטהע, ווען דער דאָזיקער פּאָעט האָט אָנגעשריבן גאַנץ סאָלידע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן וועגן פאַרבן־לערע און וועגן דעם געבוי פון שאַרבן.

אַ סך וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן האָט אהרן צייטלין פאַרעפנטלעכט, אָבער איך מוז זיך מודה זיין, אַז לייענענדיק זיין לעצט בוך: „המציאות האחרת"— די אַנדערע עקזיסטענץ, וועגן פאַראַפּסיכאָלאָגיע, בין איך געוואָרן נשתומם.

אונדזער דור איז אַ נישט־גלייביקער דור. מען איז געוואָרן אַזוי זיכער אין זיך, אַז יעדער דערשיינונג, וואָס שלאָגט אונדז ווי מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ און פאַדערט פון אונדז אַן ענטפער, וועלכן מיר קענען בשום אופן ניט דערקלערן מיט אָנגענומענע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, באַגאַטעליזירן מיר; מיר מאַכן עס צו קליינגעלט, מעגן אפילו אָט־די דערשיינונגען זיך טרעפן מיט אונדז אַליין, מיר שרייבן עס אַלץ צו דעם „צופאַל."

נייע וויסנשאַפטלעכע אויפטוען האָבן אונדז שטאַרק דערנעענטערט צו אונדזער נאָענטסטן פּלאַנעט, צו דער לבנה, אויף וועלכער אַ מענטשלעכער פוס וועט שוין זיכער שטיין אין די נאָענטע פאָר יאָר. איז האָבן מיר מיט וואָס זיך אַזוי איבערצונעמען? קענען מ־ר זיך איבערנעמען דערמיט, בעת מיר ווייסן גלייכצייטיק, אַז ערגעץ זיינען דאָ וועלטן, וואָס דער מענטש קען אפילו ניט תופס זיין די צאָל ביליאָנען ליכט־יאָרן וואָס דאַרף נעמען איידער מיר זאָלן קענען דערזען זייער שיין? אַז אַזויפיל ביליאָנען ליכט־יאָרן דאַרפן מיר לעבן אויף בלויז צו קענען תופס זיין דעם

אָפּפלוס פון אַזאַ שטח צייט? אָבער דאָס זיינען ווייטע זאַכן און מיר קענען נאָך גאַנץ ווייניק די סאַמע נאָענטסטע זאַכן אַרום אונדז. בלויז 30,000 ריחות זיינען רעגיסטרירט, און וויפיל פון זיי ווייסן מיר נישט אָדער מיר זיינען אויף זיי נישט עמפינדלעך? מיר האָבן רעגיסטרירט עטלעכע טויזנט דעפיניציעס פון קאָלירן, און וויפיל קאָלירן זיינען פאַראַן אויף וועלכע אונדזער אויג איז נישט עמפינדלעך? מיר ווייסן פון טויזנטער קלאַנגען, און וויפיל צירופי־קלאַנגען זיינען דאָ נאָך אין דער שויס פון דער צוקונפט?

מיר האָבן אַן אַנונג וואָס עס טוט זיך אויף ווענוס, אָבער זיינען זייער ווייניק באַקאַנט וואָס עס טוט זיך אָפּ אין אונדז אַליין, אַז אין אונדז אַליין קומען כסדר פאָר זיווגים פון זאַכן וואָס זיינען געווען צעשיידט און געבענקט איינס צום צווייטן ווי מאַן צו ווייב און ווייב צו מאַן, טראַגיש בענקענדיק נישט וויסנדיק פאַר וואָס, און ווי פלאַנעט צו פלאַנעט, און ווי אַלץ דאָס — צום שורש, וואָס איז דער אָנהייב און סוף פון זיי אַלעמען. און אַז אויב עס זיינען זיך מזווג אין אונדז פאַרב און קלאַנג, טרעפט אויך אַז שטח און צייט קאָנצענטרירן זיך, קאָרטשען זיך אין בבחינת „עומדים צפופים ומשתחווים רווחים“ — ביי טייל אויסדערוויילטע פון אונדז, און ביי אונדז אַליין אין געוויסע מאָמענטן, און אין אונדזערע חלומות וואָס זיינען גאָרנישט אַזוי פּשוט ווי פרויד און אַנדערע ווילן אונדז געבן צו פאַרשטיין.

דאָס דאָזיקע גרויסע בוך (תרתי משמע) פון אהרן צייטלין איז טאַקע עוסק אין אָט־די ענינים.

עס זיינען אַ סך פאַראַן דערשיינונגען, וועלכע מען קען בשום אופן נישט דערקלערן מיט אַ וויסנשאַפטלעכן אופן, אין די באַזונדערע פעאיקייטן אין מענטשן פון זען פון דער ווייטנס אויף לאַנגע שטחים, און פון לייענען יענעמס געדאַנקען, און פון זען אין חלום זאַכן וואָס זיינען געשען אָדער וועלן געשען. קומען אַזעלכע דערשיינונגען פאָר, אָדער זיינען פאָרגעקומען?

בלי שום ספק! טויזנטער גבורות עדות זיינען פאַראַן פון אַלטע צייטן און ביז היינט צו טאָג, און נישט דווקא פון גלייביקע מענטשן, נאָר אפילו פון אַפּיקורסים, פון ראַציאָנאַליסטן, פון מענטשן ניכטערע, וואָס לאָזן זיך נישט פאַנגען פון עמאָציעס.

און ווי שרייבט באַשעוויס: ריכטער אין אַ געריכט פאָרשן אויס עדות, און אויפן סמך פון זייער עדות־זאָגן פאַרמשפּט מען מענטשן אפילו צו טויט־שטראָף, אָבער נאָך אַלע עדות־זאָגן וועגן אויסטערלישע פאַראַפּסיכאָלאָגישע דערשיינונגען פון די באַרימטסטע פּערזענלעכקייטן, זיינען נאָך אויף היינטיקן טאָג דאָ וויסנשאַפטסלייט וואָס האַלטן פון פאַראַפּסיכאָלאָגיע (וואָס איז ערשט אין 1882 געגרינדעט געוואָרן אין לאָנדאָן און צו איר האָבן געהערט אַזעלכע ליכטיקע קעפּ ווי לאָרד באַלפור און הערץ, דער דערפינדער פון הערץ־כוואַליעס; אַנרי בערגסאָן און אַנדערע) — זיינען נאָך פאַראַן היינט־צו־טאָג וויסנשאַפטסלייט וואָס האַלטן פאַראַפּסיכאָלאָגיע נישט פאַר קיין וויסנשאַפט.

און פאַראַן אפילו צווישן די, וואָס האַלטן יאָ פון אָט־דער וויסנשאַפט, אַזוינע, וועלכע ווילן דאָס דערקלערן ווי אַ פיזישע זאַך, אַ זאַך וואָס איז פאַרבונדן מיט די אָרגאַנען, אָדער מיט געוויסע שטראַלן וואָס דער מוח טיילט אויס (טעלעפּאַטיע).

אַוודאי זיינען געווען במשך פון יאָרן אָפּנאַרעריי, אפילו שאַרלאַטאַנעס וואָס האָבן אויסגענוצט די פאַרבאָרגענע פעאיקייטן פון מענטשן פאַר פינצטערע צילן, אָבער אַ סך מער פיינסטע מענטשן אין דער געשיכטע און אין אונדזער צייט זיינען עדות פון דערשיינונגען אין אונדזער פּסיכישן לעבן, וועלכע מען וועט קיין מאָל נישט קענען „מעסטן און וועגן“ מיט אָנגענומענע וויסנשאַפטלעכע מאָסן, פּונקט ווי מען וועט קיין מאָל נישט דערקלערן, פאַרוואָס דאָס און יענער פרויען־געזיכט קען משוגע מאַכן דווקא דעם אָדער יענעם מאַנספערשוין און נישט אַן אַנדערן. און דעריבער איז פאַרשטענדלעך אהרן צייטלינס קעגנערשאַפט צום קוואַנטיטיוון צוגאַנג פון פּראָפ. רהיין און אַנדערע.

איז וואָס וועט איר אַלע זאָגן וועגן אַזאַ פאַל, וועגן וועלכן עס גיט איבער דער באַרימטער ענגלישער שרייבער האַגאַרד,



וועלכער האָט איבערגעלעבט אין חלום די יסורים פון זיין טרינקענדיקן הונט? מען האָט שפּעטער אויסגעפונען, אַז דער הונט איז דערטרונקען געוואָרן אַ סך פריער און דער חלום איז געווען ביי קאַגאַרדן שפּעטער. דאָ האָט איר שוין אַ פאַרבינדונג פון אַ מענטש מיט אַ חיה.

אהרן צייטלין ברענגט אפילו פאַרבינדונגען פון אַ מענטש מיט אַ קאַץ און ער דערקלערט דאָס מיטן פּאַנטעלעפּאַטישן געזעץ, ווייל אַלץ אין קאָסמאָס איז פאַרבונדן מיט אַ געהיימן אופן איינס מיטן צווייטן; און אויב אַ מענטש קען זיך פאַרבינדן מיט אַ וועזן פון אַ נידריקער מדרגה פון אים, קען מען דאָך אָננעמען, אַז דאָס העכערע און העכסטע וועזן, גאָט, קען זיך פאַרבינדן מיטן מענטשן.

זענט איר קלוגעטשקע און ספקט? „אָט דערצו זיינען מיר צוגעקומען נאָך אַלע דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט?“

זעט איר, אַז ד״ר אידער, פרוידס אַ תלמיד, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אַטעאיסט, אַז ד״ר ניסן טוראָוו האָט אים געפרעגט וועגן העלזעען, האָט ער טאַקע נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן דערויף און האָט אים דערציילט אַ פאַקט, וואָס איז געשען מיט אים אַליין: ער איז אַמאָל, זייענדיק אין דרום־אַמעריקע, געשטאַנען פאַרבענקט ביי אַ טייך און געטראַכט וועגן זיינע באַקאַנטע איבערן ים, און פּלוצים האָט ער מיט אַן אויסטערלישער קלאָרקייט דערזען אַן אומגליק וואָס איז געשען ביי אַ פריינד. שפּעטער, אין אַ צייט אַרום, האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו, און אַלץ האָט זיך מיטן קלענסטן פּרט באַשטעטיקט.

זאָגט איר ווידער צופאַל?

הערט אַ וואונדער פון דער פּסיכאָמעטריע, וועגן וועלכן עס שרייבט איינער פון די גרעסטע געלערנטע אין אַמעריקע, פּראָפּ. וויליאַם דזשיימס, וועלכער האָט אויסגעפאָרשט אין 1885 די וואונדערזעערין, פרוי פייפער, וועלכע האָט געקענט אָפּמאָלן אַ מענטש, האַלטנדיק עפּעס אַ חפץ פון יענעם, נישט קענענדיק אים פריער.

און ווי קען מען האַלטן פאַר אַ „צופאַל“ די דריי פאַסירונגען וועגן וועלכע עס דערציילט אין זיין ספר „בשמת חיים“ דער גרויסער ייד און געלערנטער, ר׳ מנשה בן ישראל און די חלומות וועגן וועלכע עס דערציילט אַזאַ ראַציאָנאַליסט און וויסנשאַפטסמאַן ווי שד״ל (שמואל דוד לוצאַטו)? און די פאַקטן פון ש. י. עגנון? און די באַרימטע אצ״ל העלדין, גאולה כהן, די גיבורה און אויסטערליש מוטיקע, וואָס דערציילט, אַז ווען די ענגלענדער האָבן זי אַרעסטירט און געהאַלטן אין אַ קאָנצענטראַציע־קעמפּ, האָט זי געמאַכט אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן. די ענגלענדער האָבן נאָכגעשאָסן און איר געטראָפן אין אַ פוס. זי איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט אין די בערג פון בית־לחם, און גראַד דעמאָלט האָט איר מאַמע געזען אין חלום אַז גאולה לויפט אַרום אין די בערג באַגאָסן מיט בלוט.

דאָס איז נאָר אַ הונדערט־חלק פון די אָן אַ שיעור פאַקטן, וועלכע אהרן צייטלין האָט אָדער אַליין פאַרשריבן פון די מענטשן מיט וועלכע די וואונדערלעכע זעאונגען האָבן פאַסירט, אָדער ער האָט צונויפגעקליבן פון ספרים און ביכער מיט אַ בקיאות אויף וועלכער עס איז נאָר דאָ איין פּאַסיקער אויסדרוק: געניאַל!

אָבער דאָס בוך פון אהרן צייטלין איז ווייט נישט קיין קאָמפּילאַציע פון ביכער וועלכע ער האָט געלייענט. עס איז אַ זעלבסטשטענדיק, אָריגינאַל, וויסנשאַפטלעך ווערק. אהרן צייטלינען גייט אין באַווייזן אַז פאַראַפּסיכאָלאָגיע איז נישט נאָר אַ וויסנשאַפט, נאָר אויך אַן א י ב ע ר־וויסנשאַפט.

אין דער צייט ווען מיר ווייסן שוין, אַז אַ שפּיץ פון אַ נאָדל קען צעטיילט ווערן אויף אַ מיליאָן חלקים, דעמלט איז גאָרנישט אַזוי אויסטערליש רב הונאס זאָג אין תלמוד, אַז „הוא לא חזי מזלו חזי,“ אַז, הייסט עס, אויב דער מענטש אַליין זעט נישט, אָבער זיין נשמה זעט יאָ — עס איז נישט אַזוי ווייט און פרעמד: וואונדער, וואונדער, קומען פאָר אַרום אונדז און נאָך מער אין אונדז אַליין.

אַלע טאָג גייט אַרויס דער בת־קול פון הר־סיני, נאָר מען דאַרף זוכה זיין צו קענען אים דערהערן.

אַ סך גרויסע זאַכן טוען זיך אָפּ אַרום אונדז, אָבער די פאַרשטעלעכצער לאָזן זיי אונדז נישט דערזען.

אהרן צייטלין מעדיטירט אַזוי שיין

פֿאָעטיש אפילו וועגן דער שטול אויף וועלכער ער זיצט, וואָס האָט אַזאַ שייכות מיט אים.

או־ף וויפֿיל פֿאַרבן זיינען מיר בלינד? וויפֿיל קלאַנגען דערהערן מיר נישט?

דעם דאָזיקן געדאַנק לאָזן מיר צו, אָבער מען קען נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז עס עקזיסטירט אַ געהיימע וועלט מיט גרויסע שטאַרקע כוחות אין אונדז און אַרום אונדז, וועלכע קענען בשום אופן נישט געמאָסטן ווערן מיט „צוויי מאָל צוויי איז פיר.“

און נאָך עפּעס, וואָס דאַרף דורכאויס אונטערגעשטראָכן ווערן: אהרן צייטלין אַליין איז אַ בקי בשבע חכמות און מיט זיין ווערק איז ער נישט אויסן צו לערנען דעם מענטשן, אַז אויב עס עקזיסטירן אַזעלכע געהיימע כוחות און מיר לעבן אין אַ מיסטעריעזער וועלט, דאַרף מען בכן ניט פֿאָרשן. יידן האָבן לויט זייער טראַדיציע געוואוסט פֿון אַ ידיעה און בחירה. עס איז פֿאַראַן זייער און זייער אַ טיפֿער געדאַנק אינעם „הכל צפוי מראש והרשות נתונה,“ מען דאַרף זיך לאַנג, לאַנג און כסדר פֿאַרטיפֿן אין אָט־דעם זאָג צו פֿאַרשטיין, אַז צייטלין איז נישט קיין דעטערמיניסט. מען קען טאַקע העל קוקן

אין דער צוקונפֿט און דער מענטש זאָל דערביי נאָך האָבן זיין ווילן.

אין פֿאָסט סקריפּטום: צייטלין, אויסער וואָס ער איז אַן אומפֿאַרגעסלעכער קענער פֿון וועלטלעכער קולטור אויף אַלע געביטן, איז ער אויך אָנגעפֿילט מיט יידישן גייסט, און אַז אויב איינער וועט דערמאָנען דעם „לא תנחשו ולא תעוננו“ אָדער וועגן „דרישה אל המתים“, וועל איך אים ענטפֿערן, אַז צייטלין איז נישט אויסן מיט זיין ווערק צו פּראַקטיצירן אָקולטיזם — ער אַנטדעקט נאָר פֿאַר אונדז די געוואַלדיקע געהיימע כוחות אין דער וועלט מיט אַ העכערן מיין און ציל: צו לערנען דיר, אַז דער מענטש איז אַ טייל פֿון דער גאָטהייט, און אויב ער איז אַזוי הויך, דאַרף ער שטרעבן מיט זיינע מעשים צו שטייגן אַלץ העכער און העכער.

עס איז אַ גרויס און וואונדערלעך בוך, וועלכן די וואָס קענען העברעאיש מוזן דאָס לייענען!

ביי דער גאַנצער רייכקייט און שיינקייט פֿון זיין עברית און חידושי לשון איז אָבער צייטלינס סטיל, ביי דער גאַנצער טיפֿקייט — זייער פּאָפּולער, פּשוט אַ נחת צו לייענען.

מעינקע קאַץ / ניו־יאָרק

## אָוונט אין צפֿת

ארי הקדוש — אין קילקייט פֿון אָוונט,
מיט פֿינגער, ווי ספֿירות, איבער מענטש און שטיין —
ווערט יעדער שטיין — אַ חלום, ווי יעקבֿס שטיין:
יעקבֿס לייטער, ווי די בערג אַזוי נאָענט.
פֿון אַ שטיין ווערט אַ מלאך, פֿון אַ מלאך — אַ שטיין,
ווי אַ קוש פֿון גאָט די קילקייט פֿון אָוונט.
אָ, צאַרט איז איצט אפילו צאָרן, אפילו שטיין.



יחזקאל בראָנשטיין

## אברהם לעוו

איך זע דיך פֿון ווייטן
אין פֿויערשן טראַכט;
אַ חלוץ, אַן עקשן
וואָס תמיד באַוואַכט

די גיטער, די פֿעלדער
פֿון יידישן לאַנד.
די תבואה, די וועלדער —
מיט גבורה, פֿאַרשטאַנד.

דיין פּנים פֿאַרברוינט איז
פֿון זון און פֿון ווינט,
מיט זאָרג פֿאַר דעם לעבן
וואָס פֿיבערט מיט זינד...

דיין גאַנג איז אַ שווערער
אויף אייגענער ערד.
דיין לעבן — קיין גרינגער,
פֿון זאָרגן באַשווערט

פֿאַר גורל פֿון אומה,
פֿאַר גורל פֿון לאַנד
וואָס בויט זיך מיט אימפּעט,
פֿאַרנונפֿט און פֿאַרשטאַנד.

פֿאַרוואַנדלסט דעם מדבר
אין בליענדיק פֿעלד
אַ פֿויער אַ טרוימער,
פֿון אַרבעט אַ העלד.

אַ פֿויער, אַ טרוימער —
און אויך אַ פּאָעט;
אַן עושר פֿון לידער,
וואָס חלומט, וואָס זעט

זיין אומה אין שטייגן
אַלץ העכער און גרויס,
וואָס ווייסט ניט פֿון פֿאַלן
און גייט אַלץ פֿאָראויס

צו וויי־טערע זיגן
פֿאַר קיום העם,
אויף קיינמאָל זיך קריגן,
בלויז שטאַרקן זיין שטאַם.

## מאַן פֿון ליד און פּאָעזיע

### (אברהם לעוו: „אין קלעם")

ווען אַ פּאָעט מיט טאַלאַנט, ווי אַברהם לעוו איז — פֿאַרקנסט זיך צו דער מוזע, פֿאַרבינדט ער דערמיט דעם גורל פֿון זיין ליד צו אַזאַ גראַד פֿון דויערהאַפֿטיקייט, אַז עס מוז אין אים גורם זיין אַן אומענדלעכע צוגעבונדנקייט צו דער זעאונג פֿון ליד, וואָס זוכט און געפֿינט אויך אַ תיקון אין דעם אויפֿזינג פֿון עכטקייט אין זיין ליד. שוין צוליב דעם אַליין, וואָס —

איך בין פֿאַרליבט אין ליד און ווערטער

וואָס ער ווייסט באַשטימט, ווי אַזוי מיט זיי צו אָפּערירן, זיי פֿאַרוואַנדלען אין דיכטונג, וואָס איז עכט אין איר איבערלעבונג, און שפּיגלט אין זיך בפירוש אָפּ דעם מאַן פֿון ליד און פּאָעזיע, וואָס ער איז ביי אונדז אויפֿגעקומען און אַרויסגעוואַקסן אויף דעם באָדן פֿון אַן אידעאַלערווירקלעכקייט — דער חלום פֿון דורות, וואָס —

מיט שווייס האָבן מיר די מדבר־ערד צעבליט
און אַ פֿעלד, וואָס גרינט —
פֿון איר אַרויסגעריסן.

זייענדיק אַליין אַ דירעקטער אנטיילנעמער פֿון זיין פֿריסטער יוגנט אָן, וואָס האָט ווי אַ חלוץ

אין בייט דעם טראָט געטרעטן,
פֿאַרשפּינט אין דינינקע טרויערן.

און טאַקע צוליב דעם און אויך אַ דאַנק זיין טאַלאַנט, באַרעכטיקט זיך זיין זינגען וועגן זיך, אַז ע ר איז איינער פון די, וואָס —

צווישן פּאָעטן זיינען מיר פּאָעטן,
צווישן פויערן — פויערן.

צוליב דעם אויך זיין פריידיקסטע איבערלעבונג, אַז —

ס׳איז גוט מיר צו וויסן,
כ׳בין איינער פון זיי:
דער מאַן פונעם ליד
און דער מאַן פון פאַרדיי.

וואָס באַצווינגט דיך און שטעקט דיך אָן מיט ד ע ר עכטקייט פון זיינע איבערלעבונגען, אין דעם גאָרן אויסלייג פון אַ זעלטענער קלאָרקייט אין אַ ריטמישן לשון.

אברהם לעווס בוך אין קלעם, וואָס איז געווידמעט דעם אנדענק פון זיין אַכצן יאָריקן זון משהלע ז״ל, וואָס איז אומגעקומען אין אַ שליחות פון צה״ל, אָטעמט מיט דעם צער און ווייטיק פון אַ פאָטער, אַ לירישער פּאָעט — וואָס קלאָגט:

פאַריתומט ציט זיך איצט מיין וועג,
עס וויינט אין מיר מיין יעדער אבר:
כ׳האָב, לאַנד, אַוועקגעשענקט דיר מיינע יונגע טעג,
צוריקגעגעבן האָסטו מיר אַ קבר.

זיינע קינות רייסן דיך מיט.

זיי שטעקן דיך אָן מיט זיין צערפולער איבערלעבונג.

ביים לייענען אָט־די ווייטיקדיקע לידער און פּאָעמעס זיינע, ברעכט זיך דיין האַרץ. צוזאַמען מיט דעם טאַטע־פּאָעט מורמלסטו בלחש:

און באַנעמען ווער קען דעם באַשייד,
ווי עס קומען די גראַמען, די רייד,
און די ליגן אין שורות זיך גוט?
כאָטש דאָס האַרץ — אַ פאַרגליווערט שטיק בלוט —
ציט צום קבר פאַרשאָלטן און שווער,
און אין אויג — אַ פאַראייזיקטע טרער...

אברהם לעוו גיט אויך ניט זעלטן אַ בליץ מיט אַ מיסטיש־סימבאָליש ליד, ווי זיין ליד מיין בוים — אין וועלכן ער מעדיטירט די זעאונג פון לעבן, נאָך דעם... ווען איך וועל שוין מער ניט לעבן.... און —

דערנאָך אַרויסשפּראָצן צוריק
אַ גרינער שטערן —
אַ בלעטל אויפן בוימס צמרת (שפּיץ).

פון זיינע קיבוצישע פּייזאַשן וואַקסן אַרויס כלערליי בלומען, ביימער, פּאַשע — די ברכה פון דער ערד, אויף אַ בילדלעכן הינטערגרונט פון רחבות און שיינקייט, ווי למשל די פּאָעמע גלאַדיאָלן, אין וועלכער עס זינגט זיך טיילווייז אַזוי:

גלאַדיאָלן —
גוט איז זען



אויפן פעלד זיך וויגן.
אַ מאַלער קען געוויס די מאָלן,
אָבער מיט אַ פען
איז שווער צו געבן זיי אַ תיקון.

אָט די באַטאָנונג זיינע, שווער צו געבן זיי אַ תיקון מיט אַ פען — אָטעמט מיט דער עניוות פון אונדזער דיכטער, וועמענס פען איז דווקא אַ פליסיקע און, בדרך אגב, צו זיין שבח — אויך אַ געניט־שעפערישע.

ביי אברהם לעוו איז ניט שייך קיין באַריידעוודיקייט אין ז י י ן דיכטונג.

ער פאַרשטייט און ער ווייסט, אַז דער כוח פון אויסדרוק אין וואָרט, וואָרצלט אין צימצום.

ז י י ן ליד איז קיינמאָל ניט באַשווערט פון כמות.

אים זיינען אַלע מאָל ליב און אייגן ד י איכות פון אַ ליד און נישט ד י כמות.

אויף דעם זאָגן עדות זיינע איצטיקע לידער, דער עיקרשט — די קינות.

דער צער און דער ווייטיק אויף דעם גורל פון זיין זון משהלע איז אויף אַזוי פיל געצוימט און פאַרפאַנצערט, אַז דווקא מיט זיין נישט־באַריידעוודיקייט, דערגרייכט ער וואָס ער וויל. צוליב דעם איז דאָ לגמרי נישטאָ דער עלעמענט פון שרייעוודיקייט, וואָס גרעניצט זיך בטבע מיט באַנאַליטעט. און קומען קומט ער דערפון, וואָס —

דיין וואַך זיין האָט אויכעט אַ זין —
ווען פול איז דיין שורה מיט גלויבן.

וואָס לויכט אַרויס פון זיין דיכטונג אין אַלגעמיין, טיילווייז אויך צוליב דעם, וואָס ער ווייסט און ער פאַרשטייט, אַז —

...בלויז אין האַרץ פון דעם פּאָעט
איז דאָ דער שאַרפער ציטער.

וואָס דער דיכטער אברהם לעוו האָט דעם כוח אים צו צוימען און אים געבן אַ תיקון, אין געלייטערטע לידער. צוליב דעם דער באַוואוסטזיין, אַז —

מיין וואָרט איז היינט פולער,
מיין וואָרט איז היינט גאַנצער.

וואָס צווינגט אים כמעט, מיט אים מסכים צו זיין.

אַ פּאָעט וואָס פילט די ערד אונטער זיינע פיס און איז אויך אַמביציעז גענוג, זיין וואָרט אין ליד דערפירן צו שלימות, מיידט זעלטן אויס דעם איינפלוס פון אַ גרויסער, ז׳כטערישער פערזענלעכקייט אויף זיך. נישט יעדער איינער אָבער איז גרויס גענוג דאָס צוצוגעבן און דערפון טראַכטן אין דער הויך.

אַברהם לעוו איז אין דעם זין אַן אויסנאַם.

אין זיין גאַנג באַרג־אַרויף אין זיין דיכטונג, זינגט ער וועגן דעם אין זיין פראַכט־פולער פּאָעמע י. ל. פּרץ אַזוי:

און מאַך איך איצט מיין אייגענעם סך־הכל,
דאַן כ׳ווייס:
אַז פון דיין גרויסן פלאַם,
פאַרפלויגן איז אין מיר אַ פונקעלע, אַ שפליטער.

---

פון ווילנער קלויז, ראַמיילעסעס ישיבה,

געקראָגן האָב איך דאָ אין לאַנד מיין תיקון
צווישן מיין קיבוציש־וואָך און וואָר,
און ס'איז מיר קלאָר:
אַז דאָס איז אויך אַ גילגול פון דיין ניגון.

**אין זיין באַנעמונג ווי אַ דיכטער און אין זיין אויפפאַסונג און אומרו וועגן זיין דיכטונג, איז די תפילה זיינע, די תפילה פון אַן אמתן עניו — אומגעפער אַזאַ:**

די בענקשאַפט וואָס זי יאָמערט איצט אַרויס
פון מיין געמיט,
זאָל קריגן תיקון, קלאָרקייט אין מיין ליד.

**וואָס וואָלט אייגנטלעך באַוואַרפט זיין די תפילה פון יעדן ערלעכן דיכטער—**

מיין וואָרט זאָל יעטוועדער באַנעמען —
און זאָל מיך ניט פאַרשעמען.

**און ווייטער:**

וויים, אַז דיר וועט ניט געלינגען
אָפּצומעקן גרויע וואָר,
ווייל אפילו דורך דיין זינגען,
דורך דיין ליד וואָס לויטער, קלאָר—
וועט דיין צער זיך ווייטער שפּאַרן
פון דיין וואָרט, פון יעדן טאָן.
קיינעם וועט דיין ליד ניט פאַרנאַרן,
ווייל דער אמת פלייצט און מאָנט.

**דער דיכטערישער אמת פון אברהם לעוו קומט דעריבער ביי אים אַרויס אומ־מיטלבאַר, אין דעם אויפזינג פון אַ זעלטענער עכטקייט, אָן דער באַפּוצונג פון רעטאָריק, וואָס האָט אַ טענדענץ דווקא צו פאַרהוילן דעם אמת... צוליב דעם איז אים אייגן דאָס געזאַנג פון —**

מיין צעלט — אַ פענצטער צו דער נאַכט
שטייט אָפן.
כ'בין כולו אויער, כולו וואַך
און ס'קלינגען אין מיר סטראָפן.

**וואָס גייען אין אים אגב נישט פאַרלוירן. פאָרמירן זיך ביי אים אין קרעפטיקע לידער.**

**זיינע פאַרנאַכטיקע טענער שטעלן מיט זיך פאָר די שיינקייט פון לאַנד, אין אַלע סעזאָנען פון יאָר. אָט איז אַ קורצע אילוסטראַציע, וואָס לייגט זיך אויס אין דיין דמיון ווי אַ קאָלירפולער טעפּעך, וואָס רייצט דיין נייגער און צווינגט דיך זיי לייענען מער ווי איין מאָל:**

ס'איז פעברואַר, ווי אַ צדיקל שטייט פרום
דער סאָסנע־בוים אַ זייטיקער ביים גדר,
אַ ביסל איינגעבויגן, אַ ביסל קרום,
ווי איינגעהאָרכט זיך צו די וועגן,
ווי געוועזן וואָלט ער דעם שומר פון די סעדער
דאָ אין געגנט.



**ווי אַ גאַסט וואָס קומט אויף אַ ווייל און זעט אויף אַ מייל, האָט אברהם לעוו תופס געווען דעם ריטעם פון דער וועלט־שטאָט פאַריז, אויף זיין אייגענעם, דיכטערישן אופן, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין סעריע לידער א. ב. טויבן ביים סען.**

**אָט איז אין קורצן אַ בילד פון אַ מ אַ ד אָ נ ע, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער וועלט־שטאָט פאַריז, אין גאָר געצוימטע פערזן:**

געטאָקט איר נעזל, דאָס געזיכט איז פריש
און צאַרט,
די ליפּן — פול און רייף.
נאָר אָט — אַ יונג איז נאָנט לעם איר פאַרביי,
דערלאַנגט אַ פייף,
און קוקט זי אָן, מיט אויגן פרעך
און ווילד
פון אונטער הוט זיינעם דעם פראָסטן.
עס דוכט: ער האָט אַ הייליקייט
פאַרשוועכט.
נאָר זי — זי שמייכלט מילד
און פליסטערט היים:
עס וועט קיין סך ניט קאָסטן...

**די קללה פון דער גרויס־שטאָט — פ אַ ר י ז!**

**פון אַ באַזונדער, גרויס־קינסטלערישן ווערט איז די פּאָעמע פון אַברהם לעוו מיט דעם נאָמען יאָשע־בער.**

**דאָ קומט צום אויסדרוק דער העראָאישער אויפוואוקס פון אונדזער קיבוצישן שטייגער־לעבן, ווי עס האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט אויף דעם העראָאישן מאַרטירער־וועג פון אונדזערע חלוצים, וואָס אַברהם לעוו איז איינער פון זייערע ראשונים.**

**דאָ זעט מען ממש מיט די אויגן און מ'קען אפילו אָנטאַפּן מיט די הענט, די בליענדיקע דערפער—**

וואו אַ פוס אַ יידישער האָט נאָר באַטראָטן,
איז אויפגעגאַנגען גאָרטן־גרינס און פעלד געראָטן —
פון אונדזער שוויס און מי אַרויסגעוואָקסן.

**צוליב דעם זיין אַשרי־געזאַנג:**

וואויל דיר, חלוץ, וואויל דיר עקשן!
זיי געשטאַרקט און זיי געמוטיקט.
דיין מידער טראָט האָט אויף דער ערד געבלוטיקט;
דיין שוויים אויף דיר, ווי טוי, געפאַלן איז
דורך טעג און וואָכן,
און איצט — פאַר דורות טראָגט זי ברכה.

**דאָ זעט זיך אַרויס... דער קיבוץ אויפן בערגל אויסגעשאָסן, מיט סעדער און מיט ווייבער און מיט קינדער...**

**דער קיבוץ טאָגט דאָ אויף ווי איין מענטש, ווי איין משפחה — מיט אַלע זיינע פרייד און ליידן. און דער הויפּט־העלד — יאָשע־בער, איז מיט אַלעמען אַ פריילעכער אין יאָך געגאַנגען. און כאָטש —**

עס האָט צוריק געצויגן אַהין, צו טאַטע־מאַמע,
צו שטוב, צו היימישער, צו אייגן בעט.

**האָט מען פונדעסטוועגן געאַקערט מיט דער נאָז די ערד און —**

די טעג — פאַר מי, די אָוונטן — צעזונגען,
אַזוי ביז שפּעט אין טיפער נאַכט
האָבן אַריינגעטאַנצט די יונגען,
און מיט זיי — יאָשע־בער־פּעלאַך.

**קיין זאַך איז פאַר אים ניט צו־שווער:**

ער קלאַפּט אין דר'ערד אַ סלופּ אַריין:
חלוצימלעך, מיר וועלן אויפשטעלן דאָ צעלטן,
און היימלעכער און פריילעכער וועט זיין.

**און איידער דו קוקסט זיך אַרום, וואַקסן אויס דערפער גאַנצע, קיבוצים, שאָסייען, שטאַלן, גערטנער און ברונעמס.**

מרחקים זיינען דאָ געוואָרן אָפּגעווישט.
די צוקונפט האָט אַ פריידיקע געבלענדט
און אָפּגעפרישט.

**זויג־קינדער האָט מען פון דער מאַמעס מילך אָפּגעוויינט —**

ווייל אויך פרויען נעמען אויף זיך שווערע יאָכן,
און מיט די מענער צו דער אַרבעט גיין.

**און —**

דאָך אָן דער מאַמעס מילך האָבן געהאָדעוועט זיך העלדן,
געוואָקסן זיינען קינדער פעסטע און געזונט.

**יאָשע־בער** — ער איז
אַ טראַקטאָריסט, ער רייסט דעם באָדן
וואָס האָט ביז איצט איר בתולהשאַפט פאַרהיט.

**עס שלאָגט פון אים מיט זעלטענער גבורה, שטאָלץ און מוט.**

אַ חלוץ, חברל, איז ניט קיין שפּיל
פלעגט ער אַ וויצל־טאָן זיך מיט אַ שמייכל.

**דאָס לעבן גייט דערווייל זיך אָן.**

די חייקעס און די רבקהס זיינען מאַמעס שוין פון לאַנג,
מיט קינדערלעך וואָס גייען אויף מיט ברכה.
נאָר ער, נאָר יאָשע־בער, ער גייט זיך אַלץ זיין גאַנג:
דער קיבוץ — זאָגט ער — איז דאָך איין משפּחה.

**ער טראַכט פון דעם לעבן וואָס איז אַוועק אַ ביסל קרום,**

ווען דאָרטן האָט מען אומגעבראַכט זיין פאָלק —
קינדער, פרויען, זקנים.

**דער היימישער יאָשע־בער, וואָס איז דאָ געמאָלן מיט גרויס־קינסטלערישן כוח אין דעם געשטאַלט פון אַ פויער, איז זיך דאָ פּשוט מקריב פאַר זיין פאָלק און לאַנד, און—**

אַז יאָשע־בער זיין חשבון מאַכט דורך נעכט,
און מאַכט דעם חשבון פון זיין פאָלק ישראל —
דאַן זעט ער נאָר אַ בלוטיקן געפעכט,



עס טרעטן דיינע טריט אויף הייסע קוילן.
ווייל אומעטום אויף גאָר דער גאַנצער וועלט
איז אונדזער וועג מיט בלוט פאַרשריבן.
מלחמה שוין ניטאָ און היטלער איז אַוועק,
נאָר גיפט און גאַל — געגנוג איז נאָך פאַרבליבן.

**דאָ ווערן פאַרביק געמאָלן די קיבוצים, וואָס די ענגלענדער האָבן פאַגראָמירט, אונטערן אויסרייד פון זוכן געווער, אין די יאָרן 1946־1947. אָבער—**

ניין, ניט פאַר פרעמדע זיין וועט אונדזער מי,
נאָר פאַרן פאָלק, וואָס ליגט נאָך דאָרט אין אימה.
און זאָגן וועלן מיר צו יעדן ייד:
מיר האָבן דאָך פאַר דיר געבויט אַ היים דאָ!

**אין דעם באַשטייט דער גרויסער זין פון אָט דער קרעפטיקער, זעלטן גוט אויסגעפירטער פּאָעמע, יאָשע־בער, וואָס האָט זיך**

געברודערט מיט טראַקטאָר, מיט פעלד און מיט ווינט,
מיט פעלד און מיט ווינט... אָן ווייב און אָן קינד.
איצט טראָגט פון קיבוץ זיך געלעכטער און פרייד.
ער הייבט זיך, יאָשע־בער, פון דער ערד אויף און גייט.

— — — — — — — — — — — — — — —

די זאַנגען דערגרייכן אים באַלד ביזן קאָפּ,
גייט ער אין זיי — אַ לעבעדיקער סנאָפּ,
גייט ער אין זיי, און אין ליכטיקן גאַנג
דוכט אים: ער איז פון דעם פעלד דאָ אַ זאַנג,
אָט דאָ אויף דער שוואַרצער און וואַרעמער ערד...
געבליבן די נאַכט איז אין פעלד יאָשע־בער...

**י אָ ש ע ־ ב ע ר !**

**רירנדיק ביז גאָר זיינען די פראַגמענטן פון בוך אַ ליד נאָך אייך.**

**דאָ קומען צום אויסדרוק שפּליטערן און פונקען פון דעם דיכטערס איבערלעבונג, אין שייכות מיט אונדזער דריטן און גרעסטן חורבן.**

**אָט־די עטלעכע לידער לייענען זיך ווי היינטצייטיקע איכהס, פון אַ היינטצייטיקן יידישן פּאָעט. דאָ וויינט אויף דעם גורל פון אומגעקומענע טאַטע־מאַמע.**

**פון דער פּאָעמע:** מ אַ מ ע:

וויל איך אויף דיין קבר וויינען,
ווייס איך ניט וואו ס'ליגן דיינע ביינער,
אפשר וועט דער ווינט פאַרטראָגן
אַש אַ ביסל פון דיין גוף?
קומסט דאָך, ווינט, פון וויטן וואָגל,
הער אין נאַכט מיין שטילן רוף.

דער אָפּקלייב פון זיינע לידער אין אַלגעמיין, איז זייער אַ געלונגענער. זיין בוך אין קלעם, איז אַ גרויסע דערגרייכונג, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ נייעם רינג אין דער גאָלדענער קייט פון אונדזער אינהאַלטסרייכער און רומפולער דיכטונג אויף יידיש־לשון.

ד״ר י. י. קוזמינסקי

# ספר דברי איוב

ספר דברי איוב געהערט צו די אַפּאָקריפן (ספרים חיצונים). די אויסצוגן, וואָס ווערן דאָ געגעבן, זיינען לויט דער העברעאישער איבערזעצונג פון א. כהנא.

ספר דברי איוב טראָגט אויך דעם נאָמען צוואת איוב. באמת איז עס ניט קיין צוואה אינעם געוויינטלעכן זין, וואָס אַ טאַטע זאָגט אָן זיינע זין ווי זיך נוהג צו זיין אין לעבן, נאָר דער ספר באַשטייט כמעט אין גאַנצן פון איובס אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען און ס׳ענדיקט זיך מיט דער אויסטערלישער דערציילונג פון זיין הסתלקות.

הגם דברי איוב איז געבויט דער עיקר אויף די ערשטע צוויי קאַפּיטלעך און לעצטן קאַפּיטל פון תנכישן איוב, איז אָבער דער מאָטיוו און דער מוסר השכל, וואָס גייט דורך אין אָט דעם סיפּור המעשה לגמרי ניי.

די הויפּט פּראָבלעמען, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט אינעם תנכישן איוב, באַשטייען פון שכר ועונש, צדיק ורע לו, רשע וטוב לו — ד״ה, זיינען יסורים, וואָס קומען אויף מענטש, אַ שטראָף פאַר זיינע זינד? איז גאָט תמיד גערעכט אין זיין משפט? ווי קומט עס, אַז אָפט מאָל ווערט אַ צדיק געשטראָפט און אַ רשע ווערט באַלוינט? און דער עיקר, איז איוב געווען אַ צדיק לשם שמים, אָדער זיין גאַנצע צידקות איז באַשטאַנען אינעם כלל פון איך גיב דיר בכדי דו זאָלסט מיר געבן, ד״ה, על מנת לקבל פּרס?

אָבער אין דברי איוב ווערן אָט־די פּראָבלעמען כמעט ווי ניט אָנגערירט. אין אָט־דעם ספר האָט דער מחבר נאָר געוואָלט באַווייזן דעם טיפן זין פון יידישקייט. ווען מענטש טרעט אָפּ פון עבודה זרה און באַהעפט זיך מיט דער יידישער אמונה, דערהייבט ער זיין נשמה צו די העכסטע מדרגות.

איוב, ווערט דערציילט אינעם ספר, איז געווען אַ געצן־דינער, אַ מלך פון די מלכי אדום. זיין לאַנד איז געווען ע ו ץ, זיין נאָמען איז לכתחילה געווען י ו ב ב. צום געץ האָט איוב מקריב געווען קרבנות לויטן מנהג המדינה. אָבער אין די מצוות פון בין אָדם לחברו, פון מענטש צו מענטש, האָט ער ניט געהאַט קיין גלייכן צו זיך זיין ממשותדיקע ליבע צו מענטשן איז געווען אָן אַ שיעור. אָרעמעלייט האָבן געשטראָמט צו אים פון אַלע עקן לאַנד. די טירן פון אַלע זייטן פון זיין הויז — מזרח, מערב, צפון און דרום, זיינען געווען ברייט צעעפנט, בכדי ווען אַן אָרעמאַן וועט אים זען אין איין אַריינגאַנג און זיך שעמען אַריינקומען, זאָל ער זיך קענען פאַרקירעווען צו אַ צווייטער טיר און נעמען וואָס ער דאַרף, אומגעשטערט, אָן בושה.

איוב דערציילט זיינע קינדער, ווי אַזוי ער האָט דערקענט דעם בורא עולם: ספקות וועגן געטלעכן כוח פונעם אָפּגאָט האָבן אים כסדר געפּייניקט און געשטערט זיין שלאָף. איין מאָל ביינאַכט האָט זיך אַ געטלעך ליכט צו אים באַוויזן, און ווי אַ קול האָט גערעדט צו אים און געזאָגט: פאַרוואָר, דער געץ איז דאָס ווערק פון אַ מענטשן; ס׳איז אומווערדיק זיך צו בוקן צום ווערק פון די אייגענע הענט. האָט איוב געזאָגט: גאָט, דו האָסט מיר געהאָלפן דערזען דאָס אייביקע ליכט. גיב מיר כוח צו פאַרטיליקן און אויסרייניקן די טומאה פון מיין לאַנד. די געטלעכע שטימע האָט אים געוואָרנט: זאָלסט וויסן, דער שטן וועט דיך ניט שאַנעווען און וועט זיך נוקם זיין אין דיר מיט אַכזריות.

אָבער איובן האָט די דאָזיקע וואָרנונג ניט אָפּגעשראָקן. ער האָט צעשמעטערט דעם געץ און פון זיין מזבח און טעמפּל האָט ער קיין זכר ניט איבערגעלאָזט.

דער שטן האָט טאַקע תיכף מיט אַ ווילדער אכזריות זיך געוואָרפן אויף איובן: זיין האָב און גוטס איז אַוועק מיטן פייער, און זיינע קינדער האָט ער אומגעבראַכט. און ווען אַ שליח האָט איובן מודיע געווען וועגן אַלע אומגליקן, האָט ער געזאָגט: ה׳ נתן וה׳ לקח — גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט צוגענומען, גאָטס נאָמען זאָל זיין געבענטשט. און ווען דער שטן האָט געזען, אַז איוב איז בייגעשטאַנען דעם נסיון, ער האָט קעגן גאָט ניט געזינדיקט, האָט ער אויף אים אַליין געבראַכט די שרעקלעכע פּלאָג פון צרעת (קרעץ). איוב האָט זיך אָנגעהויבן וואַלגערן אין מיסט, אין אַש, מחוץ לעיר. ווערים זיינען געקראָכן איבער זיין גוף און האָבן אים געפרעסן לעבעדיקערהייט.

עוצית, איובס ווייב, די געוועזענע קעניגין, איז געוואָרן אַ דינסט. זי האָט געאַרבעט שווער צו פאַרדינען אויף איר שטיקל ברויט אום צו דערנערן איר געפּלאָגטן מאַן. דער שטן אָבער האָט איר פאַרשטעלט אַלע וועגן פון אַרבעט, האָט זי שוין ניט פאַרדינט אפילו צו קויפן אַ שטיקל ברויט. די נויט האָט זי געטריבן אין מאַרק צו בעטלען. דער שטן האָט דעמאָלט זיך אַוועקגעשטעלט אין מאַרק פאַרקויפן ברויט און האָט איר געזאָגט: אין מאַרק גיט מען ניט קיין נדבות, ברויט קויפט מען פאַר געלט, אָדער פאַר שווה כסף. האָסטו ניט קיין געלט, גיב אַ משכון. האָט עוצית געזאָגט צום שטן; זעסט דאָך אַז איך בין אָנגעטאָן אין שמאַטעס. וואָס פאַר אַ משכון קען איך דיר געבן? האָט דער שטן געזאָגט: דו האָסט אַ חשובע צירונג: דיינע האָר. פאַר זיי וועל איך דיר געבן ברויט. האָט עוצית מיט גרויס צער און ביטערניש געענטפערט: שער זיי אָפּ, נעם זיי דיר... דער שטן האָט גענומען אַ שער און בפני כל עם ועדה האָט ער אָפּגעשוירן אירע האָר. דער עולם איז געשטאַנען געפּלעפט, נבהל ונשתומם. און איינע פון די קלאָג־ווייבער האָט אויפגעהויבן איר קול און האָט באַקלאָגט איובס ווייב, איר געוועזענע חשיבות און רייכקייט, און איר איצטיקע געפאַלנקייט.

„זי האָט געטראָגן אַ גאָלדענע קרוין
און קליידער פון פּורפּול,
איצט גייט זי אין שמאַטעס —
פאַרמשכנט די האָר פאַר אַ לאַבן ברויט.
אָט ערשט האָט זי געבאָדן אירע פיס
אין גאָלדענע בעקנס,
גייט זי איצט באָרוועס,
פאַרמשכנט אירע האָר פאַר אַ לאַבן
ברויט.
אָט ערשט איז זי געשלאָפן אין
אַ גאָלדענע בעט,
איצט וואַלגערט זי זיך אין גאַס,
פאַרקויפט די האָר פאַר אַ לאַבן ברויט.“

עוצית האָט געבראַכט דאָס ברויט צו איובן און אַ קוואַל פון טרערן האָט פאַרגאָסן איר פּנים. זי האָט קוים געקענט דערציילן פון איר גרויסן בזיון אין מאַרק. איוב, האָט זי געזאָגט, ווי לאַנג וועסטו זיך האַלטן ביי דיין פרומקייט? אומזיסט איז דיין וואַרטן אויף גאָטס הילף. לעסטער גאָטס נאָמען — זאָל ער דיך טויטן, וועט אַ סוף נעמען צו אונדזערע צרות.

האָט איוב געענטפערט: זאָלן מיר דאָס גוטס יאָ אָננעמען פון גאָט און דאָס שלעכטס זאָלן מיר ניט אָננעמען? זעסטו ניט ווי דער שטן שטייט הינטער דיר און רעדט דיך אָן מיר צו פירן צו זינד?

און איוב האָט געזאָגט צום שטן: וואָס באַהאַלסטו זיך? האָסטו ווען געזען אַ לייב פאַרשפּאַרט אין געפאַנגענשאַפט זאָל זיך באַרימען מיט זיין גבורה? אָדער אַ פויגל אין אַ שטייג זאָל זיך באַרימען מיט זיין בריהשאַפט אין פליען. קום אַרויס, און פּנים אל פּנים פיר מיט מיר מלחמה.

דער שטן איז אַרויסגעקומען און מיט בושה געזאָגט: דו האָסט מיך מנצח געווען. הגם איך בין גייסט און דו ביזט בלויז אַ בשר ודם. דו ביזט ווי אַ גיבור, וועמען מען האָט צעבראָכן אַלע ביינער, זיין מויל פאַרשטאָפּט מיט שטיינער, אָבער ער גיט זיך ניט אונטער. איוב, דו האָסט איבערגעטראָגן אַלע פּלאָגן און מיך מנצח געווען.

און דער שטן האָט אים אָפּגעלאָזט אַ שטיקל צייט.

איוב׳ס גוטע פריינט, די מלכים: אליפז, בילדד, צופר און אליהוא, האָבן געהערט פון אַל־דעם דאָזיקן בייז, וואָס איז געקומען אויף אים, האָבן זיי אָפּגערעדט אין איינעם צו גיין אים באַדויערן און אים טרייסטן. געפונען האָבן זיי אים מחוץ לעיר, זיך וואַלגערן אין אַש, באַשלאָגן

מיט צרעת. זיי האָבן אים ניט דערקענט. זיי האָבן אויפגעהויבן זייער קול און האָבן געוויינט. זיי זייבנען געזעסן מיט אים אויף דער ערד זיבן טעג און זיבן נעכט, און קיינער האָט ניט גערעדט צו אים אַ וואָרט, ווארום זיי האָבן געזען אַז דער ווייטאָג איז זייער גרויס.

איינער פון די מלכים, אליהוא, האָט אויפגעהויבן זיין שטים און קלאָגנדיק דערציילט די פאַרזאַמלטע וועגן איובס געוועזענע חשיבות און רייכקייט:

„דו פלעגסט דאָך שלאָפן אין
אַ גאָלדענעם בעט,
איצט וואַלגערסטו זיך אין אַש —
וואו איז דער פראַכט פון דיין מלוכה?
דיין כסא מלוכה איז מיט דימענטן
געווען באַזעצט,
איצט זיצסטו אויפן שליאַך אין אַש —
וואו איז דער פראַכט פון דיין מלוכה?
זעכציק טישן האָסטו געגרייט פאַר
אָרעמעלייט,
איצט בעטלט מען פאַר דיר ברויט —
וואו איז דער פראַכט פון דיין מלוכה?
דו האָסט געהאַט גאָלדענע ליכט
אין זילבערנע לייכטער,
איצט וואַרטסטו אויפן שיין פון לבנה —
וואו איז דער פראַכט פון דיין מלוכה?“

די מלכים און די אַרומיקע האָבן מיט באַדויערן אויסגעהערט, געשאָקלט מיט די קעפּ. אָבער איוב האָט זיך אָפּגערופן, אַז ער דינט צום אייביקן גאָט, וואָס זיין כסא הכבוד איז אינעם עולם העליון. די ערדישע וועלט וועט אין גאַנצן פאַרשווינדן, אויך די מלכים און אַלע שררות וועלן פאַרגעסן ווערן, אָבער גאָטס רום, זיין כבוד וועט אָנהאַלטן עד סוף כל הדורות.

אליפז איז אַריין אין גרימצאָרן און האָט געזאָגט צו זיינע חברים: זעט: איוב איז באַשלאָגן מיט צרעת. זיין גוף עיפּושט, אַז מען קען ניט שטיין אין זיינע ד׳ אַמות — גרייסט ער זיך נאָך איבער אונדז. זיין גאָט, זיין מלוכה וועט אַ קיום האָבן אויף אייביק און אייביק. אונדזערע מלוכות, זאָגט ער, האָבן ניט קיין האַפּט, וועלן ווי אַ חלום פאַרשווינדן. ער איז אונדז מבזה אין די אויגן פון אונדזערע באַדינער, און מיר זיינען דאָך געקומען אים באַדויערן און טרייסטן. קומט, לאָמיר אַוועק פון דאַנען.

און בילדד האָט מיט פאַרדרוס זיך אָפּגערופן אויף די רייד פון אליפז:

אליפז האָט אַפּנים פאַרגעסן ווי אַזוי ער האָט געפילט און גערעדט ווען ער איז קראַנק געווען בלויז צוויי טעג. איוב ליידט שוין וואָכן, חדשים — ווען ער רעדט אַזוי, דאַרף מען אויף אים קיין תרעומות ניט האָבן.

ווי זיי ריידן אַזוי, איז עוצית, איובס ווייב, געקומען צו לויפן, אירע קליידער קרועה־בלויה, און איז געפאַלן צו זייערע פיס: זע, אליפז, האָט זי געזאָגט, ווי אָרעם און געפאַלן מיר זיינען. פאַר זיך דאַרף איך שוין גאָר ניט, אָבער איין בקשה האָב איך צו אייך: זאָלן אייערע מענטשן גראָבן אין די חורבות וואו אונדזערע קינדער זיינען אומגעקומען. אפשר וועט מען געפינען זייערע ביינער. צען קינדער האָב איך פאַרלוירן און קיין איינער פון זיי איז ניט געקומען צו קבורה. בין איך דען אַ חיה? אָדער, איז דען מיין לייב פון אַ בהמה? העלפט מיר ברענגען דאָס געביין פון מיינע קינדער צו קבורה!

די דאָזיקע נאַכט האָט מען זי געפונען א טויטע אין שטאָל צווישן די בהמות...

די שטאָט האָט גערעשט. די אָרעמע לייט פון אַלע שטעט, וועמען עוצית האָט אַלע יאָרן געהאָלפן, האָבן זי שטאַרק באַוויינט און האָבן באַדויערט, וואָס אַזאַ חשובע פרוי האָט ניט זוכה געווען צו שטאַרבן אפילו בכבוד. דעם הספד וואָס מען האָט געמאַכט אויף עוצית האָט מען פאַרשריבן אין די כראָניקעס.

אליפז און זיינע חברים האָבן נאָך אַלץ געפירט וויכוחים מיט איובן. אויב זיין גאָט איז טאַקע אַ מלך פון צדק און משפט, האָט מען דען געהערט, אַז אַ מלך זאָל אַזוי באַשטראָפן זיין געטרייען דינער וואָס איז ריין פון זינד?

ווען אליפז האָט נאָר אָפּגערעדט איז מיט אַ מאָל געוואָרן שטאָק פינצטער. ס׳האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן. און גאָט האָט זיך באַוויזן צו איובן פון שטורעם



און וואָלקן, און גערעדט צו אים וועגן די סודות און הנהגה פון וועלט־באַשאַף, וואָס איז צו קיין ילוד־אשה ניט אַנטפּלעקט געוואָרן.

נאָכדעם האָט גאָט געזאָגט צו אליפז דעם תימני: מיין צאָרן גרימט אויף דיר און אויף דיינע פריינט, פאַרוואָס איר האָט ניט גערעדט וועגן מיר אַזוי אויפריכטיק ווי מיין קנעכט איוב.

און גאָט האָט אומגעקערט איובס שאָדן און ער האָט געמערט אַלץ וואָס איוב האָט געהאַט — טאָפּל. איובס באַנייט לעבן איז געבענטשט געוואָרן אין דער פולער מאָס. ער האָט זיך באַהעפט מיט אַ קינד פון די אָבות — זיין צווייטע ווייב איז געווען דינה בת יעקב.

זי האָט אים געבוירן זיבן זין און דריי טעכטער: ער האָט גערופן דעם נאָמען פון איינער: ימימה (ליכטיק ווי דער טאָג); דעם נאָמען פון דער צווייטער — קציעה (צימערינג), און דעם נאָמען פון דער דריטער — קרן הפוך (האָרן פון אויגן־פאַרב). און אין גאַנצן לאַנד האָבן זיך ניט געפונען אַזעלכע שיינע פרויען ווי איובס טעכטער.

איוב האָט געלעבט נאָך דעם אַ סך יאָרן. ווען ער האָט דערפילט אַז דער סוף איז נאָענט, האָט ער גערופן זיינע זין און טעכטער, און נריה, איובס ברודער, איז אויך געקומען מיט זיי, און נריה האָט פאַרשריבן אַלץ וואָס האָט פּאַסירט די לעצטע טעג.

די לעצטע דריי טעג האָט איוב ניט געליטן קיין שום ווייטאָג. מיט אַ מאָל האָט ער דערפילט אַז די כוחות גייען אים אויס. האָט איוב געהייסן זיינע דריי טעכטער נעמען זייערע כלי־זמר: דעם פידל, די האַרפע, דאָס פייקל, צו באַגעגענען מיט שירה און נגינה גאָטס שליח, וואָס איז געקומען נאָך זיין נשמה.

די טעכטער האָבן אים געפאָלגט, גענומען די כלי־זמר, און באַלד האָבן זיי דערזען דעם אָנקום פון גאָטס שליח אין אַ פייערדיקן רייטוואָגן. ניט קיין אַנדערע ווי די טעכטער און איוב האָבן אים געזען. מיט געזאַנג האָבן זיי באַגריסט גאָטס שליח.

און מיט גרויס צערטלעכקייט האָט דער שליח אַרויסגענומען די נשמה ביי איובן, זי צוגעטוליעט צום האַרצן און איז מיט איר אַוועקגעפלויגן צו מזרח צו.

און איובס גוף האָט מען איינגעוויקלט אין טייערע ליינען און געבראַכט צום קבר.

די דריי טעכטער זיינען געגאַנגען צום ערשט און האָבן געזונגען שירה צו זייער פאָטער אויפן לשון פון מלאכים. אויך נריה, איובס ברודער, און זיינע זיבן זין, און די אָרעמעלייט און יתומים זיינען נאָכגעגאַנגען און האָבן געוויינט. זיי האָבן געזאָגט: אַוועק איז דאָס ליכט פון די בלינדע, דער אבי היתומים, דער דיין אַלמנות, דער גרויסער מכניס אורח.

ווען מען האָט געבראַכט איובס גוף צום קבר, האָבן די אַלמנות און יתומים זיך קעגנגעשטעלט, ניט געלאָזן אים אַריינלייגן אין קבר. ערשט אין דריי טעג אַרום איז איובס גוף געקומען צו קבורה. זיין גוטער נאָמען איז געבליבן אויף דור דורות. אָמן.

---

ה. ראָזענבלאַט צווייג
ייִדיש - נאַציאָנאַלער
אַרבעטער פאַרבאַנד

באַגריסט דעם זשורנאַל „חשבון“ צו
דער דערשיינונג פון זיין יובל נומער.

ראָבערט טעמפּער, פּאָרזיצער
גוסטאַוו לאָסעס, סעקרעטאַר

---

יהואָש לייען קרייז

מיר באַגריסן האַרציק דעם „חשבון“
צו זיין 50סטן יובל־נומער.

חיה ניומאַן, סעקרעטאַר
שרה האָראָוויץ, פֿינ. סעקר.

מאיר אײזענדאָרף

# יאַגדעס

(אַ קאַפּיטל פון דער פּאָעמע „קינדער־לעבן“)

דער װאַלד איז גרין, דער הימל בלוי,
די זון שײנט העל און גלאַנציק.
בײ דער שול איז אַן אסיפה דאָ
פון יונגװאַרג אַ שטיק צװאַנציק.

די גאַנצע יונגװאַרג גײט אַרויס
אין װאַלד הײנט יאַגדעס קלײבן—
אַלע, אַלע מוזן גײן,
קײן אײנער זאָל ניט בלײבן.

מיר האָבן שוין צװישן אונדז
יאַנקלען, ציפּען, סאָשען.
און דער מזיק שלומקע קוליעס
פירט זײן ברודער דעם קורנאָסן.

דער האַלט אַ קערבל אין זײן האַנט,
יענער טראָגט אַ שיסל,
חיים שלמה שלעפּט אַ טשאַלנט־טאָפּ,
אַ צוקער־פּושקע — זיסל.

שאַ, חיה עטל איז אויך שוין דאָ,
און אָט קומט די שײנע מאַלע.
איצט אין װאַלד מאַרשירן מיר,
לאָמיר גײן װאָס שנעלער אַלע.

מיר שטעלן זיך אין שורות אויס,
צו פיר, װי גוטע זעלנער.
עס פירט אונדז אונדזער קאָמאַנדיר,
דער לאַנגער משה קעלנער.

מיט קרומע פיסלעך לויפט אונדז נאָך
דער פיר־יאָריקער אַלטער,
אײן עקל פון די הויזקעס שטעקט,
אין מויל אַ פינגער האַלט ער.

מיר גײען דורך דער גאַס אַזוי,
אַלע פרײלעך, מונטער,
די מאַמעס בליקן שמײכלען אונדז,
די טאַטעס בורטשען אונטער.

אַ האָן אַ רויטער טרעט אונדז אָפּ
דעם װעג מיט זײנע דאַמען,
אַ ראַבע קװאָטשקע קלײבט צענויף
די הינדעלעך צוזאַמען.

אַ חזיר װאָס געשלאָפן איז
אין בלאָטע אויף דער גאַס,
זיצט דאָרט אויף זײן הינטערטײל
און כריוקעט אויף אַ באַס.

דאָס דריקט ער אויס זײן מיטגעפיל
דעם ברודער, װאָס בײ איװאַנען
אונטערן טויער ליגט פאַרקװעטשט
און קװיטשעט אויף אַ סאָפּראַנע.

יאַרעמעס הונט באַגעגנט אונדז
מיט אַ בײזן האַװקען,
אים װאָלט זיך אומבאַדינגט געװאָלט
צערײסן אונדז דאָ דװקא.

שוין, די שטעטל ענדיקט זיך,
פון אײן זײט ציט זיך פעלד—
װײט, װײט, ביז צום האָריזאָנט,
װאו ס'ענדיקט זיך די װעלט,

װאָס צעשניטן גלײך אויף קעמערלעך
פון אַלערלײ קאָלירן;
פון צװײטער זײט די לאָנקע גרינט,
װאו שעפּעלעך שפּאַצירן.

עס שיט מיט גאָלד אויף אונדז די זון
פון אויבן פון איר הויך;
פאָרויס דער װאַלד, ער שטײט באַדעקט
מיט אַ בלוילעך רויך.

עס פרישט אונדז אָפּ אַ װינטעלע,
װאָס שמעקט מיט פרישע זאַנגען,
די לופט אַרום איז אָנגעפילט
מיט כל המינים קלאַנגען.



עס רוישט ניט װײט אַ װאַסערל,
װאָס טוט פון ערגעץ קװאַלן;
דער זשאַװאָראָנאָק פון דער הויך—
גיסט און גיסט די טרעלן.

„קומט, קומט אַהערצו שנעלער,“
רופט דער קוקו פון דעם װאַלד.
„קוקו קוקו... מיר גײען שוין,
מיר קומען שוין אָט באַלד.“

עס פינקלען שוין פון גראָז צו אונדז
יאַגדעס רויט און זאַפטיק,
און בעטן זיך: „פאַרזוכט אונדז נאָר,
איר'ט זײן געזונט און קרעפטיק.“

מיר גיבן זיך צו זײ אַ נעם,
מ'דאַרף אונדז לאַנג ניט בעטן —
װער װעט מערער אָנקלײבן —
פּרובירן מיר זיך װעטן.

נאָר באַלד אַ װאָרט ניט הערט מען מער,
יעדערער איז פאַרנומען —

דער קלײבט אין שיסל, דער אין מויל—
זאָל אײך װײל באַקומען.

— — — — — — — — — — —

דער פאַסטעך האָט זײן אָװנט־ניגון
שוין אָפּגעדודעט לאַנג,
און פויער־מײדלעך פון דער אַרבעט
גײען מיט געזאַנג.

דער בוטשאַן, ער רוט אין נעסט שוין
אויף דעם הויכן סאָסנע־בוים,
און מיט יאַגעדעס כלים פולע
טראָגן מיר אַהײם.

די זון אַ צונטער־רויטע,
האָט אין פאַרבן זיך צעשפּילט
און מיט דורכזיכטיקע װאָלקנס
װײסע זיך פאַרהילט.

שטראַלן רויט, מיט יאַגעדעס רויטע
האָבן זיך באַגעגנט,
און מיט דעם „גוט נאַכט“ װאונטש
צערטלעך זיך צעזעגנט.

משה עטינגער / ניו־יאָרק

# פוסטע חלומות

די בלעטער פון מײן בוים האָבן אָפּגעװעלקט
אַ געלע קרוין זיצט אויף דײן קאָפּ,
מאָרגן װעלן זײ העפטן די ערד
מיט לאַטעס פון האַרבסטיקן טרויער.

מײן פעטער פלעגט זײנע גרויע האָר
אין די בלעטער פון גמרות שלאָפן לײגן —
אַ סגולה צו פאַרמײדן דעם מלאך המות,
צו זיכערן פאַר זיך לאַנגע יאָר.

דער קײלעך װעט אויסצײלן זעקס פולע לבנות,
מײן בוים װעט טראָגיק װערן מיט בלעטער,
נאָר די האָר־סגולות פון פיקח, מײן פעטער,
װעלן פאַרגײן װי פוסטע חלומות.

# קונסט און קינסטלער

זלמן זילבערצווייג

## ר. בן־ארי (צו זיין טראַגישן אַוועקגיין)

בן־ארי איז נתגלה געוואָרן, אַנטדעקט זיך אַליין און אַנטפּלעקט זיך פאַר דער וועלט, דאָרט אין מאָסקווע, אין די שווערסטע טעג פון דער רוסישער רעוואָלויע. געליטן הונגער און נויט, קעלט און דחקות, אויסגעפּאָרן שפּעטער די וועלט ווי אַ שוישפּילער, געווירקט אייניקע צענדליק יאָר אין אַמעריקע, אין אָנהייב — איז שלעכטע מאַטעריעלע און גייסטיקע באַדינגונגען; שפּעטער, אין קענעדע, און די לעצטע 18 יאָר, אין גאָר גוטע, און לסוף אומגעריכט, פאַרגאַנגען, אויסגעלאָשן געוואָרן אויף אייביק, אין דעם זעלביקן מאָסקווע, וואו עס איז געווען זיין בראשית.

מאָליער, דער גרויסער קאָמעדיעשרייבער און שוישפּילער, האָט שוין געזאָגט, אַז עס איז דער וואונטש פון אַ שוישפּילער צו שטאַרבן דאָרט וואו ער לעבט, פּאַקטיש, אויף דער בינע. אויף דער בינע אין מאָסקווע האָט בן־ארי ניט געקאָנט ענדיקן זיין לעבן, ווייל זינט די „הבימה" איז פון דאָרט אַוועק אין 1926, איז דאָס העברעאישע וואָרט אויף קיין דאָרטיקער בינע ניט געהערט געוואָרן. יידיש, די שפּראַך, וועלכע איז בן־ארין געווען אַזוי ליב און איינגעבאַקן אין האַרצן, האָט אויך ניט קיין צו גוטע מערכה אין מאָסקווע פון 1968. האָט דער ביזער שיקזאַל געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס מיט בן־ארי: ער איז געשטאָרבן אין דער שטאָט, וואו ער האָט אָנגעהויבן זיין אַרטיסטישע קאַריערע, די שטאָט, וואָס האָט געלייגט איר חותם אויף אים זיין גאַנץ לעבן און פון וועלכער ער האָט קיין מאָל ניט אויפגעהערט צו ציען זיין קינסטלערישע יניקה.

עס איז צו זוכן און ווייט צו געפינען, אַז אַ תלמיד זאָל אַזוי פאַרהערלעכן, אַזוי זיין פאַרליבט און צוטיילן כבוד און ריידן ממש מיט פאַרגעטערונג, ווי בן־ארי פלעגט אין וואָרט און טאַקע אין שריפט



ר. בן-ארי ע"ה

(אין זיין אויסערגעוויינלעך בוך „הבימה") ריידן וועגן זיינע מאָסקווער לערער, ניין, ריכטיקער, רביים. נאָר אַ פאַרברענטער חסיד רעדט מיט אַזאַ זאַפּט, מיט אַזאַ התרוממות, מיט אַזאַ פאַרליבטקייט, מיט אַזאַ פאַרהערלעכונג, ווי בן־ארי דריקט זיך אויס וועגן זיינע מאָסקווער וועגווייזערס און וועג-לייגערס, און עס איז ניט קיין צופעליקייט, וואָס עס איז אַזוי געשען, אַז ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אין אָט־דער דאָזיקער שטאָט, וועמענס קינסטלערישן גייסט ער האָט אַזוי איינגעזאַפּט אין זיך, און וואָס האָט אים גענערט ביז דער לעצטער מינוט.

געפּלאַנט האָט בן־ארי גאָר אַן אַנדערע קאַריערע. לכתחילה שטודירט אין קיעווער פּאָליטעכניקום, און קומענדיק אין 1918 צו אַ ברודער אין מאָסקווע, האָט ער זיך דאָרט פאַרשריבן אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט. אָבער די באַדינגונגען אין יענער צייט זיינען געווען אַזעלכע, אַז ער האָט געמוזט איבעררייסן זיינע למודים. דערווייל דערזעט ער אַ מעלדונג, אַז די „הבימה", וועלכע נחום צמח האָט געגרינדעט, זוכט מיטגלידער, יונגע מענטשן וועלכע ווילן זיך מיט איר פאַרבינדן און זיך ווידמען דער קונסט פון אַ העברעאיש טעאַטער, וואָס שאַפט זיך ערשט. פון דער שטודיע קאָן מען אָבער קיין לעבן ניט מאַכן, אַרבעט בן־ארי ווי אַן אָנגעשטעלטער אין אַ ביוראָ, און שטודירט דריי יאָר אונטער דער רעזשי פון די גרעסטע רוסישע בינע מייסטער: וואַכטאַנגאָוו, מטשידאַלאָוו און סטאַניסלאַווסקי. ערשט דערנאָך קריגט ער די געלעגנהייט צו באַטייליקן זיך אין עטלעכע מאַסנסצענעס אין פאַרשיידענע פּיעסן, וואָס די „הבימה" פירט אויף.

בן־ארי, וועמענס נאָמען איז געווען רייקין, און ער האָט דאָס ערשטע אות פון זיין פאַמיליע-נאָמען גענומען אַלס זיין פאַרנאָמען, בעת אין דער אמתן האָט ער געהייסן חיים זאב און פאַראייביקט זיין פאָטערס נאָמען, אַריה, ווי זיין פאַמיליענאָמען **בן-ארי**, איז ניט צוגעקומען צו דער הבימה, ווי אַ סך אַנדערע, אָן יידישן וויסן און אָן אַביסל טעאַטער־פּראַקטיק. שוין זיין פאָטער פלעגט שרייבן „פאַר זיך" איןביידע לשונות: העברעאיש און יידיש, און שבת־צו־נאַכט פלעגט ער פאָרלייענען פאַרן הויז־געזינד פון שלום עליכמס ווערק.

געבוירן אין סטעפּעניץ, קיעווער געגנט, האָט די פאַמיליע זיך אַביסל שפּעטער אריבערגעטראָגן קיין דעבריאַנקא, טשערניגאָווער גובערניע, און בן־ארי האָט געלערנט אין חדרים און אפילו אין דער לידער ישיבה. אין דעבריאַנקאָ נאָך האָט ער געשטעלט זיינע ערשטע טריט אויף דער בינע און זיך באַטייליקט מיט „ליבהאָבער" אין יידישע און רוסישע פאָרשטעלונגען און באַקומען אַ גרויסע ליבשאַפט צו טעאַטער. דעריבער איז גענוג געווען דער רוף פון „הבימה", אַז ער האָט איבערגעלאָזט זיין שטודיום און באַשלאָסן זיך צו פאַרבינדן מיט טעאַטער און מאַכן עס פאַר זיין קאַריערע.

ווער עס איז באַקאַנט מיט דער ליידנסגעשיכטע פון דער „הבימה", אירע יאָרן אין מאָסקווע, אפילו אין איר טריאומפטורנע איבער איראָפּע, און שפּעטער דער שוידערלעכער צוזאַמענברוך אין גאָלדענעם לאַנד, אין אַמעריקע, דעם דאַרף מען ניט זאָגן אַז מען האָט געדאַרפט זיין איבערגעגעבן דער געטין מעלפּאָמענאַ ניט אַוועקצוגיין פון טעאַטער־פאַך. אָבער בן-ארי, וועלכער האָט שוין אַביסל שפּעטער געשפּילט אין דער „הבימה" גרעסערע, באַדייטנדע ראָלן, צווישן זיי „תנחום" אין „לייוויקס גולם", דעם „דערפינדער" אין בערגערס קאָמעדיע „דער מבול", און אַנדערע פּיעסן, איז שוין געווען אַזוי געקניפּט און געבונדן מיט טעאַטער, אַז נאָכדעם ווי די „הבימה" האָט אַזוי טראַגיש צוזאַמענגעבראָכן אין אַמעריקע, האָט בן־ארי ניט איבערגעריסן זיין טעאַטער־קאַריערע, נאָר זי ווייטער געשפּונען, ווי עס האָבן געטאָן אייניקע אַנדערע „הבימהניקעס." עס איז געשען כמעט דאָס זעלבע וואָס עס האָט געטראָפן אין אַ סך רבנישע הייזער: די קינדער, די קרובים, זיינען אַליין געוואָרן רבנים.

נאָר געציילטע פון די הבימהניקעס, וואָס זיינען פאַרבליבן מיט נחום צמח אין אַמעריקע, האָבן זיך, נאָך זייערע אַנטוישונגען, אין גאַנצן אָפּגעטרייסלט פון ווייטערדיקע טעאַטער־פאַרבינדונגען. אַנדערע אָבער האָבן ווייטער פאַרשפּרייט די תורה, וואָס זיי האָבן געלערנט ביי זייערע גרויסע לערער אין מאָסקווע, און אַליין געוואָרן רביים:

חיהלע גראָבער האָט לכתחילה אָנגעהויבן מיט וואָרט־קאָנצערטן, דערנאָך אָנגעפירט יאָרנלאַנג מיט דראַמאַטישע קרייזן; בענאָ שניידער איז געוואָרן ד ע ר רעזשיסער פון ניו-יאָרקער „אַרטעף" און אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה, און דערנאָך זיך פאַרבונדן מיט האָליוואָוד. דוד איטקין איז יאָרנלאַנג געווען דירעקטאָר פון באַרימטן גודמאַן־טעאַטער אין שיקאַגאָ, און אפילו געלערנט טעאַטער-קונסט ווי אַ פּראָפעסאָר אין אַ קאַטוילישן אוניווערזי־

טעט, וואו מען האָט אים טיטולירט „פּאַטער איטקין"; מרים עליאָט האָט אַ שטיקל צייט געשפּילט אויף דער יידישער און שפּעטער איבערגעגאַנגען צו דער ענגלישער בינע; בנימין צמח, וועלכער האָט אין מאָסקווע מער זיך אָפּגעגעבן ווי אַ כאָרעאָגראַף, האָט אין אָנהייב געאַרבעט אויף דעם געביט אין גאָר וויכטיקע פּלעצער אין אַמעריקע און דערנאָך אויך אַריבער צו רעזשי מיט פאַרשיידענע דראַמאַטישע גרופּעס; זיין ברודער, נחום צמח, — אין וועמענס אָנדענק עס איז נאָר וואָס דערשינען אַ פּרעכטיק בוך אין העברעאיש — הגם דער גרינדער פון „הבימה", איז שפּעטער אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון פאַרווירקלעכטער פאַנטאַזיע ווען זי האָט באַקומען אַ פעסטן אָנהאַלט אין לעבן אין ישראל, און זייער טרויעריק פאַרענדיקט זיין לעבן אין ניו־יאָרק.

בן־ארי האָט אויך געפּרוּווט לכתחילה מיט וואָרט-קאָנצערטן. באַלד האָט ער זיך אָבער איבערצייגט, אַז זיין געביט איז מער אויפן פּעדאַגאָגישן פעלד — אַנדערע צו לערנען די טעאַטער־קונסט איידער אַליין זי פּערזאָנאָפיצירן אויף דער בינע. און הגם ער האָט ניט אויפגעגעבן אין גאַנצן זיין שוישפּילערישע קאַריערע, האָט ער אָבער דער עיקר זיך געווידמעט דעם טעאַטער ווי אַ רעזשיסער און אַ פּעדאַגאָג. דאָס זיינען אים שטאַרק צונוץ געקומען די טעאַטראַלע טעאָריעס און פּעדאַגאָגישע אָנווייזונגען פון זיינע גרויסע מאָסקווער לערער.

מען קאָן אָבער ניט זאָגן, אַז בן-ארי איז געבליבן פאַרגליווערט. אָפּהיטנדיק די טעאַטער־געזעצן און וועגן, וועלכע ער האָט געלערנט אין דער „הבימה", האָט ער אָבער כסדר ווייטער שטודירט סיי די מאָדערנע טעאַטער־ליטעראַטור און די נייעסטע טעאַטער-אויפפירונגען און ווייטער איינגעזאַפּט אין זיך דאָס נייעסטע און מאָדערנסטע אין דער טעאַטער־קונסט. דאָס האָט ער איבערגעגעבן זיינע תלמידים אין די פאַרשיידענע סטודיעס, סיי די וואָס ער האָט אַליין געגרינדעט אָדער די אַנדערע, וואו ער האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו ווירקן. ער האָט עס געטאָן אין יידיש, העברעאיש און באַזונדערס אין ענגליש.

און ווען ער מיט זיין פרוי, אַ געוועזענע שוישפּילערין, האָט זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס, און איז געוואָרן דער דראַמע־דירעקטאָר אין בראַנדייס-קעמפּ, האָט ער זיך אין גאַנצן געווידמעט דער טעאַטער־קונסט — ווי אַ פּעדאַגאָג. דאָ האָט ער יעדן יאָר בערך 200 יידישע און אַ מאָל אויך נישט־יידישע קינדער און יוגנטלייט אַריינגעפירט אין אויפפירונגען פון דראַמאַטיזאַציעס, וועלכע ער האָט על פּי רוב געמאַכט פון תנ"ך אָדער פון שפּעטערדיקע יידישע געשיכטע. געטאָן האָט ער דאָס אין ענגליש, אָבער דורך די אויפפירונגען, דורך אַריינברענגען יידיש וויסן ביי זיינע תלמידים, האָט ער גאָר אַ סך פון זיי אַזוי דערוואַרעמט און צוגעצויגן צוריק צו זייער מקור, פון וועלכן זיי זיינען געווען דערווייטערט, אַז זיי זיינען געוואָרן זיינע חסידים, פּונקט ווי ער איז געווען דער חסיד פון זיינע גרויסע מאָסקווער רביים.

וויל מען סומירן וואָס בן־ארי האָט אויפגעטאָן, דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אויף צוויי פון זיינע ווערק — איינס שבעל־פּה און דאָס אַנדערע שבכתב. בעל-פּה האָט ער דורך דער טעאַטער־קונסט געשפּרייט יידישקייט צווישן טויזנטער אָפּגעפרעמדטע אַמעריקאַנער יידן און געטאָן אַ וויכטיקע נאַציאָנאַלע אַרבעט. בכתב האָט ער איבערגעלאָזט אַ טעאַטער-בוך, וואָס דאַרף זיין אַ שפּיגל פאַר טעאַטראַלן ווי אַזוי צו שרייבן זייערע מעמואַרן. זיין בוך „הבימה", וואָס איז דערווייל נאָר פאַראַן אין יידיש און אין ענגליש, מוז באַקומען אַ תיקון אויך אין העברעאיש, אין דער שפּראַך, וועלכע האָט פאַקטיש געשאַפן דעם אויסגעצייכנטן טעאַטראַל און וואונדערבאַרן מענטש און ייד — ר. בן־ארי.

תנצב"ה.



לאָטי פ. מלאך

# מיינע באַגעגענישן מיטן קינסטלער נחום אַראָנסאָן

(צו זיין צענטן יאָרצייט)

עס פאָדערט זיך גלייך פון אָנהייב צו אונטערשטרייכן, אַז איך בין דאָ ניט אויסן צו מאַכן אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג וועגן די שאַפונגען פון נחום אַראָנסאָן, וואָס האָבן פאַרכאַפּט מיין אויג בעת איך האָב זיי צום ערשטן מאָל געזען אין זיין סטודיאָ און זיי שפּעטער אָנגעטראָפן ווי „גוטע באַקאַנטע" אין אַ צאָל מוזעאומס און עטלעכע אויסשטעלונגען. איך האָב געהאַט די גליקלעכע געלעגנהייט צו קענען דעם קינסטלער אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פאַריז און וועגן דעם ווילט זיך דאָ דערציילן.

ס'איז געווען אין יאָר 1936 אין פאַריז. געקומען בין איך צו אַראָנסאָן אין סטודיאָ אין שליחות פון אַ געוויסן קולטור־ענין. נאָר ווען איך האָב פאַר זיך דערזען דאָס ליכטיקע פּנים מיט די אויסערגעוויינטלעך שיינענדיקע אויגן פונעם קינסטלער, האָב איך אין גאַנצן פאַרגעסן נאָך וואָס איך בין געקומען. ער האָט געהאַלטן אין מיטן דער אַרבעט. מען האָט עס געקאָנט זען לויט דער אָנגעשטרענגטקייט וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון זיין פּנים. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן כאַלאַט, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען העכער ווי ער איז; זיין ווייסע באָרד איז געווען צעשויבערט (ער איז גראַד געווען אַ גרויסער פּעדאַנט) און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פּונקט אַזוי איז געווען דאָס געשטאַלט פון משה רבנו.

„אַנטרעי — קומט אַריין," האָט דער יונגער גרייז מיר אָנגעוויזן מיט דער האַנט. בין איך אַריין און האָב גלייך געוואָלט אויסשיסן מיט דער בקשה, וועגן וועלכער איך בין געקומען, בכדי זיך וואָס גיכער אָפּצוטראָגן פון דאַנען און אים ניט שטערן ביי דער אַרבעט. איז מיר אָבער ממש געפאַלן אין אויג אַריין אַ ווייסע פרויען־פיגור אין אַ דורכזיכטיקן „געוואַנט" און אַ קערפּער, וואָס האָט גערעדט מיט יעדן אבר. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען קאָן פילן דעם דופק פון דעם דאַזיקן מירמלשטיין האַרץ. איך האָב פון דעם ניט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די, אָט־אָ־דאָ, קער מיר עפּעס אָן: אַ קרובה, אַ שוועסטער, צי אַ טאָכטער. אינסטינקטיוו האָב איך אַ פיר געטאָן מיינע פינגער איבער דעם צאַרט געפורעמטן פּנים פון בלייכן מאַרמאָר, און איך האָב אַליין געמאַכט דעם פאָרוואורף: ס'טייטש? איך קען אָט־דעם גרויסן קינסטלער שוין אַ אַ צייט לאַנג און האָב אים ערשט איצט צום ערשטן מאָל דערזען...

מסתמא האָט ער פאַרשטאַנען וועגן מיין התפּעלות. אַנדערש וואָלט ער מיך ניט אָנגענומען פאַמעלעך ביי דער האַנט און וואָלט מיך ניט אַרומגעפירט איבער דער גרויסער לענג און ברייט פון דער סטודיאָ, מיר געוויזן די וואונדער־זאַכן, וואָס קאָנען אַרויסקומען פון קינסטלערישער אַרבעט.

אין אַ ווינקל איז געשטאַנען דער בעסטיאַלער, טיוואָלאָנישער ראַספּוטין און געשמייכלט אַ גזלניש שמייכל. פון אָט דעם בילד האָט מיך אָפּגעשוידערט און איך האָב פון אים אָפּגעקערט מיין בליק. מיין האַרץ האָט זיך אָבער דערפרייט מיט די „לעבעדיקע" קינדערישע קעפּעלעך, וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין אַזוי אויטענטיש, אַז, דוכט זיך, אָט, אָט, און זיי שפּרינגען אַראָפּ פון די ווענט, נעמען זיך אָן ביי די הענטלעך און טאַנצן...

פאַנטאַסטישע סטאַטועז און פּשוטע מענטשלעכע געשטאַלטן. אָנגעשטרענגטע, די בראָנזענע מוסקולן אָנגעצויגן און דורכגעפלאָכטן, ווי מיט שטריק. פּנימער מיט קאַרבן ווי טיפע פאַלדן און זאָרג, וואָס באַהאַלט זיך אויס אין זיי.

אין דער קינסטלערישער איבערשאַפונג פונעם מענטשלעכן מין דערזען מיר זיך אַ סך בעסער. מיר דערוויסן זיך וועגן דער גראַציע און ריטם, וואָס ס'פאַרמאָגט דער מענטשלעכער קערפּער. און אפשר פאַרשטייען מיר זיך בעסער אויך?

נאָר, זאָל מיך דער לייענער ניט חושד זיין אין אָפּשאַצונג; דאָס זיינען געווען בלויז פּערזענלעכע איבערלעבענישן ביים באַטראַכטן די ווערק פון נחום אַראָנסאָן.

נישט נאָר איז די סטודיאָ פון נחום אַראָנסאָן געווען אַ היכל פון זיין אייגענער געטאָקטער, געשניצטער און געפורעמטער קונסט, נאָר ס'איז אויך געווען אַ מוזיי פון אָנגעזאַמלטע קונסט־בילדער און אַנטיק־זאַכן, וואָס ער האָט אין משך פון לאַנגע יאָרן פלייסיק צונויפגעקליבן, אויססאָרטירט — נישט לויט גרויסקייט, נאָר לויט זשאַנער, לויט טענדענץ און שול. ער האָט יעדן פּיצעלע אָפּגעגעבן דאָס געהעריקע אָרט אין זיין אייגענער גאַלעריע.

געזעלשאַפטלעך יידישלעך איז די סטודיאָ געווען אַ צענטראַלער פונקט פון וויכטיקע אַקציעס. נישט איין זיצונג פון קולטורעלן באַדייט און נישט איין באַשלוס פון געמיינזאַמער אָנשטרענגונג האָט זיך פון דעם „וואַרשטאַט" אַרויסגעטראָגן אויף דער גאַס און האָט אָנגענומען לייב און לעבן.

קהל האָט פאַרלאַנגט אַ סך פון אים; מער ווי ער איז פיזיש אימשטאַנד געווען צו געבן. וואָרעם דער מעת־לעת האָט דאָך פאָרט ניט מער ווי פיר און צוואַנציק שעה, און דערצו איז דאָך נחום אַראָנסאָן פריער פאַר אַלץ געווען אַ קינסטלער — אַ קינסטלער פון כסדר שטייגנדיקער שעפערישקייט, פון וועלכער ס'האָט ניט געסטייעט די צייט זיך אויסצולאָדן. פלעגט ער טאַקע אויפשטיין פיר־פינף אַזייגער פאַרטאָג און זיך נעמען צו זיינע שטיינער, אַלבאַסטער אין מעטאַלן, און זיי אַזוי לאַנג צערטלען ביז ער האָט אין זיי אַריינגעבלאָזן קינסטלערישע חיות.

אַרום איינס אַזייגער האָט ער שוין געהאַט אָפּגעטאָן אַ טאָג אַרבעט. ערשט דעמאָלט האָט ער זיך פאַרגונען אַ שעה־צוויי צו פאַרברענגען מיט קאָלעגן־ברידער פון „פּאַך".

אינטערעסאַנט איז געווען זיין באַציאונג צום יונגן קינסטלער. פון קונסט־קריטיק האָט ער בכלל ניט געהאַלטן. „וואָס פאַר אַ רעכט," פלעגט ער פרעגן, „האָט עס עמיצער אַראָפּצורייסן אָדער אפילו אַרויפשרויפן דעם ווערט פון יעמענס אַרבעט? יעדער איינער שאַפט לויט זיינע מעגלעכקייטן. די קריטיק כאָוועט ניט דעם קינסטלער, זי קומט תמיד צום גרייטן. ובפרט היינט צו טאָג, ווען זי איז אַזוי שטאַרק קאָמערציאַליזירט געוואָרן."

פונדעסטוועגן איז באַוואוסט, אַז די קריטיק האָט אַ היבשן חלק אין דעם, וואָס נחום אַראָנסאָן איז אַזוי שטאַרק באַרימט געוואָרן איבער דער וועלט און גאָר באַזונדערס אין אייראָפּע. די יונגע קינסטלער פלעגן ממש קלעפּן אָן אים. אפשר טאַקע צוליב זיין קוקווינקל בנוגע דער קונסט־קריטיק? זיכער אויך דערפאַר וואָס ער האָט אַ סך פון זיי געהאָלפן. געהאָלפן אויף פאַרשיידענע אופנים: אַ שטיקעלע קאָנטאַקט דאָ און דאָרט; אַן אויסשטעלונג; אַ מאָל אַ פּאָר פראַנק, און טייל מאָל... אַ פּשוטן מאָלצייט. דער עיקר, אָבער, צוליב זיין וואַרעמקייט, צוליב זיין שטענדיקן, ווי פאַרנומען ער זאָל ניט זיין, „אנטרעי." אויף פּשוטן יידיש וואָלט מען געזאָגט: „קומט אַריין, קומט אַריין, שעמט זיך ניט." דאָס איז געווען זיין באַציאונג צום יונגן קינסטלער. זיין סטודיאָ איז אויסגעוואַקסן צו אַן אומאָפיציעלער שול. פאַרוואָס אומאָפיציעל? דאָס איז געווען אַראָנסאָנס דרך.

יעדער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט איז געלאָפן צו אַראָנסאָן אים בעטן ער זאָל דערלויבן אַרויפצושטעלן זיין נאָמען אַלס אחראי (ספּאָנסאָר). יעדער אונטערנעמונג האָט זיך געריסן אים צו האָבן אין פּרעזידיום. און ער האָט ניט געקאַרגט — ניט זיך און ניט זיין באַרימטן נאָמען. אבי ס'איז נאָר פאַר אַ גוטן צוועק, איז אַדרבא. אָפט מאָל האָט פּאַסירט, אַז ער מיט זיין נאָמען האָבן זיך געמוזט צעטיילן: ער איז געגאַנגען אויף איין פּלאַץ און זיין נאָמען האָט פיגורירט אויף אַן אַנדערן. נחום אַראָנסאָן איז געוואָרן אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט פאַרדינט און טאַקע גענאָסן גרויס צוטרויען. וואָרעם, ווי ברייטהאַרציק ער איז געווען, אַזוי פאָרזיכטיק האָט ער אויך געמוזט זיין, אַז זיין „פירמע" זאָל ניט מיסברויכט ווערן.

צווישן די פאַרשיידענע פּאַרטייען אין פּאַריז איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיקער שטרייט פאַר דער „העגעמאָניע" איבער נחום אַראָנסאָן. כאָטש ער אַליין (אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט) האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן „טאַלאַנט" פאַר פּאַר־



טייאישקייט. אים איז תמיד געגאַנגען אין גרויסן גאַנצן, וואָס האָט אַ פּאָזיטיוון ווערט: אַ קולטור־פאַרבאַנד (ערשטער יידישער קולטור קאָנגרעס אין 1937, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער ציק"אָ). פּאָליטיקער יישובן זיך, אָבער ניט אַראָנסאָן: ער איז תמיד דערפאַר!... אַ יידישע קינדער־שול? אַוודאי דערפאַר! אַ קינדער־קאָלאָניע („קאָלאָני סקאָלער")? — געוויס דערפאַר! די קינדער־קאָלאָניע שיקט דאָך אַרויס עטלעכע הונדערט קינדער קיין בערק פּלאַזש, ביים ים, אויף וואַקאַציע, איז אַראָנסאָן מער ווי דערפאַר, גאַנץ ממשותדיק דערפאַר.

עס דערמאָנט זיך די ערשטע אויסשטעלונג פון ציש"א (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע) אין פּאַריז. ס'איז געווען אין די אָנהייב 30קער יאָרן. אַ רייכע קאָלעקציע פון אָפּגעקליבענע קינדער־אַרבעטן פון די יידישע וועלטלעכע שולן איז אָנגעקומען פון פּוילן. מיר, אַ גרופּע לערער, מיטן דעלעגאַט ש. מענדעלסאָן ע"ה בראש, האָבן זיך אָפּגעגעבן מיטן אויסשטעלן און אויסהענגען די עקספּאָנאַטן. מיר האָבן געאַרבעט איבער אַ וואָך צייט. דער מאַטעריאַל איז געווען זייער אַ פאַרשיידנאַרטיקער און גאָר אָן אַ ערך אַ רייכער — פון לאַנדקענטעניש, ביז ביאָלאָגיע, ביז שפּראַך, ליטעראַטור, ביז, ביז... ווען מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן און געמיינט אַז מיר האָבן אויפגעטאָן דאָס בעסטע וואָס מען מען האָט נאָר געקענט באַווייזן, האָבן מיר איינגעלאַדן נחום אַראָנסאָן ער זאָל עס גוטהייסן. האָט ער זיך אַרומגעקוקט, „גוטהייסנדיק" געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך גענומען צייט צו ענטפערן. ער וועט דאָך ניט פאַרשעמען עמיצן, ווי טאָן... דערנאָך האָט ער, אַזוי ווי בלויז פאַרבייגייענדיק, געבעטן אַראָפּצונעמען איין קעגנשטאַנד פון דאָרטן און אים אויפהענגען דאָ...

און ביסלעכווייז — האָט מען אַלצדינג אַראָפּגענומען און אונטער זיין רעזשי איבערגעשטעלט... מיר האָבן געאַרבעט עטלעכע טעג בלויז ביים איבערשטעלן און ער — מיט אונדז. ווען מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן, האָבן מיר געגאַפט אויף דעם גרויסן אונטערשייד פון דער אויסשטעלונג. עפּעס האָט יעדעס שטיקעלע און איטלעכס פּיצעלע געפונען זיין ריכטיק אָרט און האָט זיך אַרויסגעזען.

גאַנץ אומדערוואַרט האָט איין מאָל פּאַסירט, אַז נחום אַראָנסאָן האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין מיין קלאַס פון דער יידישער קינדער־שול בעת מיר האָבן, מיט גרויס התמדה, געזונגען:

פּאַטש, פּאַטש, פּאַטש און קלאַפּ,
קלאַפּ, קלאַפּ.
היינט האָט חתונה אונדזער קאַץ —
אונדזער שיין קעצעלע, מירקע,
מיטן גרויען קאָטער, סירקע.
און צוליב חתן־כלה
זיינען געקומען אַלע...

דערזעענדיק אים האָב איך זיך דערפילט ווי געכאַפּט ביי דער האַנט. צי אויף דעם שיקט מען קינדער אין שול אַריין?...

„דאָס זיינען נאָך זייער יונגע קינדער"... האָב איך זיך גענומען פאַרענטפערן. נאָר ס'איז געווען אין גאַנצן איבעריק. דער גרויער, יונגער זקן האָט געשטראַלט. ער האָט אַזוי געלאַכט, אַז טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס כ'האָב אים געזען לאַכן (ער איז געווען געכאַפּט אַ ביסעלע אויף מעלאַנכאָליע). שמייכלען — יאָ, אָבער דאָס אַלץ.

נחום אַראָנסאָן איז באַרימט געוואָרן באַלד נאָך זיינע ערשטע אויסשטעלונגען אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט. אין משך פון פופציק יאָר האָט ער געהאַלטן אין איין שטייגן און וואַקסן. זיינע סענסיטיווע ליניעס, זיינע פּרעסקאָס אויף שטיין (אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן), געמיט פון אַ געשטאַלטיקטער איבערלעבעניש גיבן זיך איבער דעם צושויער מיט אַ געוואַלדיקן טיפן און שאַרפן איינדרוק. ער האָט אַ סך געשאַפן, גאָר אַ סך. צו דערמאָנען בלויז עטלעכע סקולפּטורן, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון: אַ יונגער יידישער בחור (איך געדענק ניט דעם נאָמען דערפון); דאָס צעווייטיקטע פּנים פון בעטהאָווען; די פיגורן: „טרויער" (אוי, ווי טרויעריק!) און איבער אַלץ — די פרייד אויף קינדערישע פּנימלעך. ער איז געווען זייער פּרוכפּערדיק און פאַרשיידנאַרטיק. קונסט־קענער רעכענען אים

י. ראַשעל

# די קינסטלערישע ירושה פון שאול ראַסקין

שאול ראַסקין, וועמענס צווייטער יאָרצייט ווערט איצט געפּראַוועט, איז געווען דער קינסטלער, ביי וועמען די אידייע: „יידישקייט“, אין אַלע אירע פאָרמען און אויסדרוקן, אין איר פאָלקסטימלעכקייט, אַבסטראַקט און סימבאָל — האָט איבערגעוואויגן דעם איינשטעל פון „קונסט לשם קונסט.“ דערביי אָבער האָט ראַסקין באַוויזן אַז זיין „טענדענציעזקייט“ פון „קונסט לשם אידייע“ האָט ניט פאַרמינערט דעם עצם פון זיין קונסט. דערמיט האָט ער זיך אַרויסגעצייגט צו זיין אַן עכטער קינסטלער, הגם ער האָט נישט דערגרייכט אַזעלכע הויכע מדרגות, ווי, לאָמיר זאָגן, מאַרק שאַגאַל.

אין ראַסקינס אַרבעטן זעט זיך אָן די זוכערישע האַנט פון אַ גוטן דעזיינער. ער האָט פּלאַנירט זיינע בילדער און זיי אָנגעפילט מיט שטייגער לעבן; מ׳קאָן אין זיי באַמערקן די פיינע איינפּעלערישקייט פון אַ דעזיינערס האַלב־צירקלען, פּאַראַלעלן און זיגזאַגן, וועלכע גיבן צו די בילדער שוואונג און די אילוזיע פון באַוועגלעכקייט. אַלע עלעמענטן גיסן זיך צוזאַמען צו שאַפן דאָס עכטע אין זיינע מאַלערישע ווערק.

ראַסקין האָט ליב ניט נאָר דעם מין מענטש, נאָר אויך אַלע בעלי־חיים. ער האָט געצייכנט זיינע קי און פערד מיט ניט ווייניקער טיפער סימפּאַטיע ווי מענטש. ער איז געווען בכלל ערנסט פאַראינטערעסירט אין דעם גורל פון זיינע פּערסאָנאַזשן, מענטש אָדער בעל־חי. ער האָט זיי געצייכנט מיט פּינקטלעכקייט און וואַרעמקייט. ער איז אָבער געווען אַ פאַטאַליסט. זיינע פאַרשוינען נעמען אָן זייער גורל אָן דעם מינדסטן ווידערשטאַנד. אַזוי זעען מיר אין זיין פיין בילד „מידקייט“: רייען מענער זיצן, אַנדערע ליגן צעלייגט אויף בענק, טייל שלאָפן אויפן דיל, געקאָרטשעט אין דרייען, צובויגעקנוילט ווי קופּקעלעך שמאַטעס; די מידקייט שלאָגט פון זייערע לייבער, פון זייערע צעיורענע אָרעמס און הענט פלייצט מיט מידקייט — אַ מידע וועלט...

ראַסקין האָט געמאָלט אין כמעט אַלע

---

צו צו דער אימפּרעסיאָניסטישער שיטה.

באַרימט געוואָרן איז ער קודם כל אין דער קינסטלערישער וועלט פון אייראָפּע און דווקא אויף דער גויאישער גאַס. ער האָט דערגרייכט די אָנגעזעענסטע פּאַריזער סאַלאָנען און די באַרימטע גאַלעריעס אויף ביידע זייטן פון ים (אין אַמעריקע ווייניקער ווי אין אייראָפּע). אָבער, ס׳געווען דאָס יידישע לעבן אין פראַנקרייך, וואָס האָט געשלאָגן קאַפּיטאַל פון זיין באַרימטקייט. ער איז געוואָרן אַ קולט אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. פּאַריז איז געווען פאַרליבט אין איר גרויסן קינסטלער. מען האָט אים פאַרהערלעכט און... עקספּלואַטירט.

טייל מאָל איז עס געווען ממש אומפאַרשטענדלעך: אַ מענטש, וואָס נעמט קיין מאָל ניט עפנטלעך קיין וואָרט; אַגיטירט ניט קיין שום זאַך — און דאָך איז ער משפּיע... אַ באַוועג מיט דער האַנט, אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אָדער גאָר אַזאַ מין „שווייגעלע“, און ס׳האָט געהאַט די נייטיקע פּעולה. ער איז קיין מאָל ניט אַרויסגעטראָטן קעגן וועמען ס׳איז לגנאי. זיין גאַנג, זיין אַרבעט, זיין גאַנצער מהות איז געווען אָנגעשטרענגט צום פּאָזיטיוו.

ס׳וואָלט געווען דאַכט זיך שווער אפילו פאַרן געניטן קריטיקער, אָפּצושאַצן, וואָס ס׳איז געווען גרעסער אין נחום אַראָנסאָן: די שטילע פּערזענלעכקייט, צי דער אינערלעך ברויזנדער קינסטלער. קלאָר איז אָבער, אַז ביידע זיינען געווען גרויס.

אפשר וועט זיך געפינען עמיצער, וואָס וועט אים פאַרסקולפּטירן מיט אַ דלאָטע אָדער מיט אַ פּען. דערווייל — אָט די עטלעכע באַשיידענע שורות צו זיין צענטן יאָרצייט. ער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק. אַן איינזאַמער, דערווייטערט פון זיין סביבה אין פּאַריז, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט.



מעדיומס: אין אַקוואַרעל, אין אויל, און גאַנץ אָפט זיך באַנוצט מיט דער ראַדיר־נאָדל און דעם ליטאָגראַפישן שטיין צו געשטאַלטן אין מאַלערישע ווערק זיין רייכע דערפאַרונג. דער קינסטלער ראַסקין האָט אָבער געהאַט זיינע גרעסטע דערפאַרונגען אין זיינע אַקוואַרעלן.

אין 1937 איז דערשינען אין מאָנאָכראָם אַ גרויסע זאַמלונג פון זיינע בילדער. אין דעם בוך גייען פאַרביי פאַרן אויג אַ פּאַנאָראַמע פון בילדער און טיפּן פון יידישן און אַלגעמיינעם לעבן. די 125 געזאַמלטע שאַפונגען זיינען נאָר אַ טייל פון זיין גאָר גרויסער צאָל מאַלעריען, ליטאָגראַפיעס און ראַדירונגען. בלעטערנדיק דאָס בוך באַמערקט מען גלייך די איבערוועגנדע צאָל אַרבעטן איז אויף ריין יידישע מאָטיוון און דאָס מאַכט צום חידושן, דאָס קאָן מען אָדער דערקלערן דורך דער באַמערקונג אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן צום בוך. ער זאָגט: „וואָס איך פרעג מיך איצט איז, צי בין איך אַ מאַלער, צי בין איך אַ יידישער מאַלער? און אויב איך בין אַ יידישער מאַלער, איז וואָס באַשטייט דער עלעמענט פון מיין יידישקייט?“ דער מאַלער האָט געזוכט פאַר זיך אַ וועג, זיין וועג אַלס יידישער קינסטלער.

דעריבער לאָמיר פּרוּוון באַטראַכטן ראַסקינס אַרבעטן פון פאַרשיידענע קוקווינקלען, ווען מיר, ערשטנס, זעען פון וואַנען ער קלייבט זיין מאַטעריאַל, זיין באַציאונג צו די זאַכן און פּאַסירונגען וואָס ער האָט געמאָלן, און ממילא וועט אפשר פאַר אונדז קלאָר ווערן אויף וויפל עס איז ראַסקינען, דעם קינסטלער, געלונגען צו דערגרייכן זיין הייסן וואונטש צו זיין אַ יידישער מאַלער.

די סימנים צו דערקענען דאָס נאַציאָנאַלע אין דער ליטעראַטור פון אַ פאָלק זיינען בולט: די שפּראַך, דאָס פאָלקסלעבן איבערגעשאַפן און געשטאַלטיקט אין דעם קינסטלערישן אויסדרוק, אויך דאָס באַנוצן זיך מיט דעם עפּאָס פון די אָנגעזאַמלטע שעפערישע פאָלקס־כוחות, בכדי בילדלעך צו באַלייכטן דעם שטייגערישן וועג פון נשמה פון דעם פאָלק. אָבער ווען ס׳קומט צו מאַלעריי אָדער סקולפּטור, איז שוין דער ענין נישט אַזוי גלאַט. וואָרעם ליניע און פאַרב, די שפּראַך־מיטלען פון דעם מאַלער, זיינען אוניווערסאַלע. דער באַאָבאַכטער אין אויסטראַליע קאָן פאַרשטיין די מאַלערייען פון די פראַנצויזישע קינסטלער, און דער פראַנצויזישער מענטש קען גאַנץ גוט הנאה האָבן פון די צייכענונגען און סקולפּטורן פון די קינסטלער פון אָריענט. וואָרעם דעם קינסטלערס שפּראַך איז דאָ אַ דירעקטע. אין פיזישן געבוי זיינען מענטשן שטאַרק ענלעך איינער צום אַנדערן איבער דער גאַנצער וועלט. פייזאַשן פון פאַרשיידענע ווינקלען אויף דער ערד, הגם פאַרשיידן אין זייערע ספּעציפישע שטריכן, פאַרמאָגן דאָך ענלעכקייט אין זייערע אַלגעמיינע ליניעס, אין זייער אַלגעמיינער פיזיאָנאָמיע. דאָך זיינען פאַראַן פאַקטאָרן וועלכע האָבן געהאָלפן און געגעבן אַ פּנים, אַ ספּעציפישע נאַציאָנאַלע פאָרם און קאָלאָריט דער פּלאַסטישער קונסט ביי אַ סך פעלקער. אַ טייל פאַקטאָרן זיינען: סביבה און טראַדיציע.

די ענגלענדער רעינאָלד און טוירנער, למשל, האָבן געמאָלן אַנדערש ווי די פראַנצויזן מאָנע און דעלאַקרואַ, דערפאַר וואָס זיי האָבן געלעבט אונטער אַנדערשדיקע געאָגראַפישע און נאַציאָנאַלע באַדינגונגען און האָבן ממילא געהאַט אַנדערע טראַדיציעס.

אָבער ביי יידן איז עס ניט אַזוי, וואָרעם מיר האָבן ניט געהאַט קיין ספּעציפיש יידישע סביבה אויף אַ ברייטן נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב ביז דעם באַשאַף פון מדינת ישראל. וואָרעם אין יעדן לאַנד וואו מיר וואוינען זיינען מיר אַ מינאָריטעט. אונדזער לעבן זאַפּט איין אין זיך פיל פון דעם פאָלק צווישן וועמען מיר לעבן און פאַרווישט פיל פון אונדזער אייגנאַרטיקייט. דעריבער איז שווער אפילו פאַרן ערנסטן יידישן קינסטלער, וועלכער גלוסט צו שאַפן אין יידישן סטיל, אויפצוכאַפּן דאָס ספּעציפיש יידישע.

אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, אין מזרח אייראָפּע, וואו גרויסע יידישע פאָלקסמאַסן האָבן געלעבט אַן אייגנאַרטיק נאַציאָנאַל און רעליגיעז לעבן, האָט זיך זייער שטייגערישקייט אויסגעדריקט אין ספּעציפישע פאָרמען סיי אין פריידן, ווי ימים טובים און חתונות, סיי אין ליידן,

ווי אין תעניתים און לוויות. דאָרט האָט זיך דאָס יידישע לעבן געשטאַלטיקט דורך אייגנאַרטיקע שטריכן, ניואַנסן און פאַרבן. אָט פון יענע קוואַלן דאַרף מען שעפּן דאָס טיפּיש יידישע, אין יענער סביבה דאַרף מען זוכן די פאָרם פאַר אַ יידישן סטיל אין דער פּלאַסטישער קונסט.

ראַסקין האָט מיט זיין קריטיש אויג אַריינגעבליקט אין אָט דער רייכער גאַלעריע פון יידישע מנהגים, זיטן, קנייטשן און לעבנסאַרטן. ער האָט אויסגעפאָרשט פיל פון דעם שטייגער לעבן און עס געצייכנט און געמאָלן. אַלע מאָל האָט ער זיך באַמיט צו ווייזן דורך דער אויסערלעכער פאָרם, דאָס פּולסירנדיקע אינערלעכע, דאָס טיפּיש יידישע.

אַ גרויסער קוואַל פאַר זיינע קינסטלערישע שאַפונגען איז געווען דער תנ"ך. ער האָט געמאָלן אויף ביבלישע מאָטיוון אַ סך בילדער פון נביאים און אַנדערע געשטאַלטן אין אַ ברייטן, קרעפטיקן מאַניער. רעפּרעזענטאַטיוו פאַר דער סעריע איז דאָס בילד פון דעם נביא צפניה: אַ מאַסיווע צאָרנדיקע פיגור אין אַ העראָאישע פּאָזע. דער הינטערגרונט געמאָלן אין קאָנטראַסטן פון ליכט או שאָטן גיט צו דראַמאַטישקייט און באַוועגונג צום בילד. טיפּיש איז אויך דאָס בילד רות אין פעלד פון בועזן: קרעפטיקע יידישע פיגורן אויף אַ גראַנדיעז־רחבותדיק פעלד. דער קינסטלער איז אין דער סעריע געלונגען צו געבן אַ גרויסן צושטייער צום אוצר פון העראָאישן און טראַגישן פון יידישן לעבן פון דער ביבלישער עפּאָכע.

ראַסקין האָט אויך געמאָלן אַלזייטיק דאָס היינטיקע יידישע לעבן אין ישראל. זיינע בילדער פון ירושלים זיינען פּאַנאָראַמיש און באַחנט. ער האָט אונדז געגעבן אין דער ישראל סעריע אַ ריי יידישע טיפּן: פּאַרטראַכטע, רוחניותדיקע יידישע פּנימער פון דעם אַלטן ארץ ישראל אין געזונטע, האָרעפּאַשנע, פאַרהאָרעוועטע יידן אין דעם אויפבוי פון מדינת ישראל.

דאָס טיפּיש יידישע איז ראַסקינען געלונגען אַריינצוגעבן אין זיינע מאָלערייען און צייכענונגען פון אַלגעמיינעם יידישן לעבן. דאָ האָט ער צוזאַמענגעקליבן אַ שלל יידישע טיפּן, פּאָזעס, זשעסטן, קנייטשן. פּנימער פול מיט יידישער חריפות, איבערגעשפּיצטקייט, תמימות. און געמאָלן האָט ער זיי מיט אַזויפיל איינפאַלערישקייט, פאַרטראַכטקייט, פאַרבן־שפּיל, אַז זיי בלענדן דאָס אויג פון באַאָבאַכטער און פאַרכאַפּן זיין פאַנטאַזיע.

אָבער ניט נאָר דאָס יידישע לעבן אַליין האָט אינטערעסירט דעם קינסטלער, נאָר זיין אויער האָט פאַרנומען אויך דעם ווייגעשריי פון די היימלאָזע און פאַרוואָרלאָזטע צווישן אַנדערע פעלקער.

אין זיין איסט־סייד סעריע איז פאַראַן אַ בילד „היימלאָז": אַ מענגע מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער זיצן, ליגן, דרעמלען. טייל שלאָפן איינגעקאָרטשעטע, איינגעקנוילט איינער לעבן צווייטן: אַלע קרבנות פון די זעלבע אומשטענדן — אַרבעטסלאָזיקייט.

ראַסקינס בילדער ציען צו דעם באַאָבאַכטער, זיי גיבן אים גענוס. וואָרעם ראַסקין האָט געוואוסט ווי אַזוי צו גרופּירן זיינע אָביעקטן. מענטשן און זאַכן אין זיינע בילדער האָט ער געמאָלן קאָמפּאַקט, גוט באַלאַנסירט, ליכט און שאָטן האָבן צוגעשפּילט. דאָס האָט געשאַפן קאָנטראַסט און לעבעדיקייט.

שאול ראַסקין האָט פאַר אונדז איבערגעלאָזט אַ גרויסע, רייכע קינסטלערישע ירושה, וואָס וועט זיין אַן אינספּיראַציע פאַר אונדזערע קומענדיקע דורות און אַ מאָנומענט פאַר זיין גוטן נאָמען. תנצב"ה.

We extend our heartiest greetings
to the
quarterly magazine
"HESHBON"
on the occasion of the
publication of its
Jubilee issue
No. 50

GUENTHER'S
MURRIETA HOT SPRINGS
MURRIETA, CALIF.



ז. בונין

# צום יובל־נומער „חשבון"

צום יובל־נומער „חשבון" זיינען מיר ניט אויסן אָנצואווייזן אויף די ליטעראַרישע און קינסטלערישע מעלות פון דעם זשורנאַל. די רעדאַקציע פון „חשבון" איז אַלע מאָל געווען באַשיידן, און האָט געוואוסט, אַז מיט אירע באַגרענעצטע מיטלען קען זי דינען ווי אַן אַכסניה דער עיקר פאַר די לאָקאַלע ליטעראַריש שעפערישע כוחות און בלויז ווען־ניט־ווען זיין אַ מכניס־אורח פאַר קאָלעגן-שרייבער פון אַנדערע יידישע תפוצות.

דער אויפקום פון זשורנאַל איז געווען אין געוויסן זין אַ קאָנטער־רעאַקציע קעגן די יאוש־שטימונגען אין ל. א., ווי איבערן גאַנצן לאַנד, אַז יידיש גייט אונטער, און במילא וועט מיט דעם אונטערגיין די שעפערישקייט אין אונדזער מאַמע-לשון.

האָט „חשבון" באַוויזן, אַז יידיש גייט ניט אונטער, ער האָט באַוויזן צו דערגרייכן ביז זיין 50טן נומער און הגם זיין פינאַנציעלע לאַגע איז געדריקט, פון דעסטוועגן האַלט עס נאָך ניט דערביי אַז ער זאָל אויפהערן צו דערשיינען.

דערביי ווילט זיך ציטירן אַ פערז פון דעם ליד „יידיש" פון א. סוצקעווער, וועלכער האָט געשריבן באַלד ווי די יידישע מדינה איז אויפגעקומען:

וואָס פאַר אַ קאַטאָוועסדיקע וויצן
דרשנט מיין פּאָעזיע־ברודער מיט די
באַקנבאַרדן,
אַז מיין מאַמע-לשון גייט באַלד אונטער
מיר וועלן נאָך אין הונדערט יאָר אַרום
דאָ קענטיק זיצן
און פירן די דיסקוסיע ביי דעם ירדן.

מיר האָבן אמונה, אַז ווי סוצקעווערס „פּאָעזיע־ברידער" וועלן נאָך אין הונדערט יאָר אַרום „פירן די דיסקוסיע ביי דעם ירדן," אַזוי וועלן אויך אונדזערע „פּאָעזיע־ברידער" אין אַמעריקע, פאַר נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן „פירן די דיסקוסיע" ביים פּאַסיפיק און ביים אַטלאַנטיק און אין די יידישע ישובים פון צווישן.

דעם גרעסטן יישר־כוח פאַר גרינדן און אויפהאַלטן דעם „חשבון" קומט, נאָטירלעך, דעם ל. א יידישן קולטור קלוב. ווען ניט דער קלוב, וואָלט „חשבון" לכתחילה ניט אָנגעהויבן דערשיינען און וואָלט מיט די אייגענע כוחות ניט געקענט עקזיסטירן.

דער ערשטער נומער „חשבון" איז דערשינען מיט 22 יאָר צוריק, אין יאַנואַר, 1946. לכתחילה איז ער טאַקע געווען „כשמו כן הוא" — אַ בולעטין פון דעם ל. א. יידישן קולטור־קלוב, מיט אַ פינאַנציעלן באַריכט און אַ צוגאָב פון אַ ליטעראַרישער ביילאַגע, רעדאַקטירט פון ה. רויזענבלאַט ז"ל. ערשט שפּעטער, אין 1952, האָט ער אָנגעהויבן דערשיינען ווי אַ פערטל־יאָר-שריפט, אַרויסגעגעבן פון דעם קולטור־קלוב בשותפות מיט דעם ל. א. קרייז יידישע שרייבער.

די ערשטע פינף נומערן „חשבון" זיינען געווען רעדאַקטירט פון קאָלעגיומס. צווישן זיי זיינען געווען: ה. רויזענבלאַט, יצחק פרידלאַנד, י. ל. מאַלאַמוט און, יבדלו לחיים, א. באַביטש און אליהו טענענהאָלץ. די נומערן פון 6 ביז 43 „חשבון" זיינען שוין רעדאַקטירט געוואָרן פון איין רעדאַקטאָר, יצחק פרידלאַנד. נאָך פרידלאַנדס טויט איז איין נומער (44) דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון אליהו טענענהאָלץ, אין באַראַטונג מיט מלכה חפץ טוזמאַן און הערי לאַנג. זינט דעם נומער 45 ווערט "חשבון" רעדאַקטירט פון אַריה פּאָזי, מיט ז. בונין, ווי דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר.

צוויי און צוואַנציק יאָר זיינען פאַרביי זינט „חשבון" האָט אָנגעהויבן דערשיינען און מיט געבויגענע קעפּ פאַרצייכענען מיר דאָ די רשימה פון שרייבער, סיי שטענדיקע און סיי צופעליקע מיטאַרבעטער, וואָס זייערע אַרטיקלען, לידער אָדער דערציילונגען זיינען געווען געדרוקט אין זשורנאַל, און וואָס זיינען שוין מער ניטאָ — דאבדין ולא משתכחין. (זייערע נעמען ווערן דאָ אָנגעגעבן לויטן סדר פון א"ב)

מ. אָסמאַן, ד"ר וו. אָסטראָווסקי, י. אַלקאָן, א. אלמי, גאָלדע אַרפין־דראָזד, גרשון איינבינדער (חבר פּאָוער).

ל. בערקאָוויץ, חנה בושעל־סאָלאָוו, חיים באַרקאַן, בערל בוים, בראָנזווילער סטאָליער.

מאַטעס דייטש.

פרץ הירשביין, מאַקס האָלצמאַן.

בעריש וויינשטיין.

יעקב זינגער.

דניאל טשאַרני.

א. כראַבלאָווסקי.

א. לעיעלעס, א. לוצקי, י. לעוויט.

קלמן מרמר, י. ל. מאַלאַמוט, איידע מאַזע, שין מילער, נ. ב. מינקאָוו.

יעקב ניומאַן, וויליאַם נאַטאַנזאָן, א. ניסענזאָן.

יצחק סאַפּיאַן.

יצחק פרידלאַנד, מ. פּאָגאָרעלסקי, חיים פּעט, דניאל פּערסקי, ע. פּערשלייסער, יעקב פּיכמאַן.

נחמיה קליין, וויליאַם קעסנער, סעם קאַרפּמאַן.

ה. רויזענבלאַט, א. א. ראָבאַק.

ש. י. שולמאַן, נח שטיינבערג, ליזאַ שאָר.

דערביי דריקן מיר אויס די גרויסע פרייד, וואָס אַ סך פון אונדזערע מיטאַרבעטער זיינען דאָ מיט אונדז עד היום און מיר ווינטשן זיי אַלעמען אַריכת ימים, נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן. זיי זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט און „חשבון“ איז פאַר זיי אַן אַכסניה, הגם אַ זייער באַשיידענע.

זאָל זייער צעטל דאָ אויסגערעכנט ווערן (לויטן אלף־בית):

ה. אייבראַמס, נתן אזאָלין, דוד אָפּאָלאָוו, מ. אָליצקי, צבי אייזנמאַן, חיים אָסטראָווסקי, מאיר אייזנדאָרף.

א. באַביטש, ד״ר דוד ברידזשער, ז. בונין, יחזקאל בראָנשטיין, פּינטשע בערמאַן, הערץ בערגנער, יצחק באַשעוויס, שלמה בעלסקי, לילי בערגער.

לוי גאָלדבערג, נח גאָלדבערג, חיים גראַדע, משה גלאַזער, ישראל גובקין, אַברהם גאָלאָמב, משה גיציס, יהושע גרינהאָף, דוד גאָלדמאַן, משה גורין.

ש. דאָמניץ, מ. דאַווידאָוויץ, זעליג דאָרפמאַן, משה דלוזשנאָווסקי.

שמעון וואוזעק, עליע ווערבלון, מאיר ווײַנטרויב, משה ווייסמאַן.

זלמן זילבערצווייג, ש. ד. זינגער, הינדע זאַרעצקי, רייזל זשיכלינסקי, מאָריס זילבערט.

אליהו טענענהאָלץ, מלכה חפץ טוזמאַן, יעקב שמואל טויבעס, א. טאַבאַטשניק.

אַלף כץ.

הערי לאַנג, אברהם לעוו, יוסף לעפּטוויטש, מלכה לי.

בצלאל מלחי, לאָטי מלאך, מרים מעלצער, לייזער מעלצער, שאול מאַלץ.

יצחק ניומאַן, סערגעי נוטקעוויטש.

פּ. סאַנדלער, שמואל סיגל, ד״ר שלמה סיימאָן, דוד ספאַרד, בערל סאַט.

מ. פאָגעל, יוסף פאַניטש, ל. פיינבערג, רקודה פּאָטאַש, אריה פּאָזי, א. מ. פוקס, פּעסי הערשפעלד פּאָמעראַנץ, יצחק פּאַנער.

אהרן צייטלין, בען צוקערמאַן, משה צוקער.

מעינקע קאַץ, ברכה קודלי, ד״ר ז. קורמאַן, רחל ה. קאָרן, קאָוונער גראַדסקי, סאָלאָמאָן קאַהאַן, אבא קליגער.

פּרופ׳ ח. מ. ראָטבלאַט, מלך ראַוויטש, ד״ר דוד רעבעלסקי, י. ראַשעל, יהושע ריווין, י. רייזמאַן, דוד ראַפּאָפּאָרט.

אסתר שומיאַטשער, גדליה שטאָלצינער, משה שטאַרקמאַן, שלמה שוואַרץ, משה שטיינגאַרט, ישעיה שפּיגל, צבי שטאָק.

ווי פריער דערמאָנט, וואָלט „חשבון“ ניט געקענט עקזיסטירן אָן דער ממשותדיקער הילף פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב, צו וועמען די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג דריקט אויס זייער טיפסטן דאַנק.

---

וואַרעמע גרוסן צום יובל־נומער „חשבון“, וואָס צייכנט אָפּ די גאָלדענע דאַטע פון פופציק נומערן.

זאָל „חשבון“ האָבן לאַנגע יאָרן און דינען ווייטער מיט גוטן חוש פאַרן יידישן וואָרט.

חבריש, אייער

**רחל פּרעסמאַן (מאָנטרעאַל)**

---

האַרציקע גרוסן צום יובילײ־נומער „חשבון.“

**רינגלבלום לייען-קרייז**

מינע אדערבערג, סעקרעטאַר



# אַ דאַנק

די פאַרוואַלטונג פון „חשבון“ דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק צו די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און פריינד וואָס האָבן זיך אָפּגערופן מיט זייערע בייטראָגן און באַגריסונגען צום יובל־פאָנד פון אונדזער זשורנאַל:

**א.**

יעקב אַדלער (פלאָרידא)

אינגבער ברידער

חבר און חברה דוד אייזיקס

מאיר און סאָפּי אייזנדאָרף

חברה אייבראַמסאָן

**ב.**

חברה ראָוז באַלאָט

יעטאַ און ז. בונין

פעני און פּינטשע בערמאַן

חבר און חברה ש. בריינין

**ג.**

לאה און נח גאָלדבערג

בעסי און לוי גאָלדבערג (ניו־יאָרק)

חבר און חברה ט. גוטמאַן

חבר און חברה י. גאָלדפאַרב

טילי און ישראל גרינשטאַט

רחל און יוסף גאַר (ניו־יאָרק)

**ד.**

באַשקע דייטש

חבר און חברה ה. דאָלינסקי

**ה.**

פּעסי פּאָמעראַנץ האָניגבוים (פלאָרידאַ)

מ. האַרעליק

מאיר האָפּשטיין

**ו.**

איך באַגריס „חשבון“ צו דער דערשיינונג פון זיין יובילײ־נומער (50)

**משהל וויינבערג (שיקאַגאָ)**

חבר און חברה משה ווייסמאַן

דזשעני און יוסף וויינמאַן

**ז.**

איך באַגריס ׳חשבון״ צו זיין יובל־נומער און ווינטש דעם רעדאַקטאָר מיט זיין סטעף און אַלע מיטאַרבעטער פונעם זשורנאַל לאַנגע, לאַנגע שעפערישע יאָרן. באַזונדערס באַגריס איך מיינע פריינד שמעון וואוזעק און ישראל עמיאָט, ביידע פון ראָטשעסטער, נ״י.

**יעקב זילבערשטיין (שיקאַגאָ)**

ליליען זעלדין

אָליאַ זינגער

**ט.**

חבר און חברה י. ש. טויבעס

בערנאַרד טאַוב (ניו־יאָרק)

**ל.**

אברהם לעוו (ישראל)

**מ.**

מרים און לייזער מעלצער (אָוקלאַנד, קאַליפ.)

חברה מ. ג. מאַזור

מאָריס מייערס

שרה מילער

לאָטי מלאך

**נ.**

חבר און חברה יצחק ניומאַן

**ס.**

גאָסי סאַרטאָ

פּעי סאַפּיאַן,

אין אנדענק פון איר מאַן, יצחק סאַפּיאַן

**פּ.**

בעלאַ און אַריה פּאָזי

פייגעלע און יוסף פאַניטש

רחל פּרעסמאַן (מאָנטרעאַל)

אַברהם פּאַט (ניו־יאָרק)

העלען און נאָרמאַן פורמאַן (ניו־יאָרק)

ד״ר לואיס און מרים פרייברון

אַ פריינד

מאָריס פריד

מוסיע פרידלאַנד

**צ.**

חבר און חברה משה צוקער (ניו־יאָרק)

**ק.**

משה קאַפּלאַן

ד״ר י. י. קוזמינסקי

חבר און חברה א. קיפּניס

**ר.**

י. ראַשעל

אַהודה רונת (תל-אביב)

שפרה און אליק ראבין

חבר און חברה י. ריינעס

**ש.**

ווילי (וועלוול) שאָר

## די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון
## יידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער פארבאנד

**באַגריסט דעם זשורנאַל „חשבון" אין לאָס אַנגעלעס**
**צום דערשיינען פון זיין יובל־נומער (50)**

מיר האָפן אַז „**חשבון**" וועט נאָך לאַנגע יאָרן האָבן אַ קיום און וועט באַרייכערן דעם יידישן קולטור-לעבן אין קאַליפאָרניע און אין אַנדערע יידישע ישובים.

ש. באָנטשעק, פרעזידענט
יעקב קאַצמאַן, נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר

---

## ה. לייוויק לייען-קרייז
## פון עלסינאָר

שיקט האַרציקע גרוסן צום „חשבון" צו דער דערשיינונג פון זיין יובל־נומער.
ס'איז פאַר אונדז אַ פריידיקע דערשיינונג צו זען אַ יידישע שריפט צו דערגרייכן זיין 22טן יאָרגאַנג אין לאָס אַנגעלעס.

בעלאַ גרין, סעקרעטאַר

---

## פרץ הירשביין צווייג 352
## יידיש - נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

מיר באַגריסן האַרציק די רעדאַקציע פון „חשבון" צו דער דערשיינונג פון זיין יובל-נומער און ווינטשן די מיטאַרבעטער פונעם זשורנאַל נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן.

מאָריס דייטש, פאָרזיצער
יצחק ניומאַן }
מאיר קעסטל } סעקרעטאַרן

---

## י. י. שוואַרץ לייען-קרייז

מיר שיקן אונדזערע האַרציקע גרוסן צו דער פערטל-יאָר שריפט „חשבון" ביי דער געלעגנהייט פון זיין 23סטן יאָרגאַנג און דעם יובילייי נומער (50).

בערטאַ מילער, פאָרזיצערין
אַגאַ קאָוונער, סעקרעטאַרין




# HILL MART

**7600 So. Robertson Blvd.**
**LOS ANGELES, CALIF.**

•

**A SUPERMARKET**
**FOR THE DISCRIMINATING**

Manning's Beef, Pupi's Pastries, Gourmet Delicatessen, Liquor, Large Wine Selection, and Catering for all occasions.

•

*Telephones:*
**776-5755 • 670-2995**




BEST WISHES FOR CONTINUED SUCCESS

**JEWISH NATIONAL FUND**

**WESTERN REGION**

5410 Wilshire Boulevard Phone WEbster 7-0900

MILAN ROVEN, *President*
*Los Angeles Council*

FRED KAHAN
*Western Region Executive Director*

BENJAMIN H. SWIG, *President*
*Western Region*

---

*Compliments of*

**ART PRINTING SERVICE**

355 South Broadway • MA 4-5862 • Los Angeles Calif. 90013

---

*Greetings from the*

**ISRAEL HISTADRUTH CAMPAIGN**

OF LOS ANGELES

JULIUS FLIGELMAN
*President*

JOHN I. MARDER
*Chairman*

JACK KAHAN
*Chairman*

REBECCA GOLDBERG
*Secretary*

*Administrative Board*

BERNARD B. JACOBSON
*Executive Director, West Coast Region*